זיבעצענטער יאָהרגאַנג

№ 10

פרייז 20 גראָשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Biblj. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

Piątek 11 marca 1938 | ליכט-צינדען 5.18 | פרייטאג פ׳ ויקרא ח׳ אדר ב׳ תרצ״ח

זונטאָג, ד. 13 ד. ח. 8=30 אַ זייגער אָוועגד
קומט פאָר אין „מכבי“ = זאַל קאַטעדראַלנאַ 13

אַ טרויער=אַקאַדעמיע

אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן 18 יאָהרצייט פון טויט פון **יוסף תרומפלדור**
די אַקאַדעמיע קומט פאָר מיט׳ן אַנטייל פון נציב פון פוילישן בית״ר **אהרן פרופס** (ווארשא) און **פ. פייוול** (א״י).

חיקה האלאנד ל. ראטנער
חתונה געהאַט
תל-אביב, אין מערץ 1938 י.

צו דער חתונה פון אונזער ליעבע טאָכטער
חיקה האַלאנד מיט **ל. ראַטנער** אין תל-אביב
ווינשען די הארציגסטע ברכות
עלטערן.

ברכת מזל טוב לחתונת אחותינו בתל-אביב (ארץ-ישראל) **חיקה הולנד** עם **ל. רטנר**
מברכים
האחים ישעי׳ ויחזקאל הולנד.

ברכת מזל טוב לבבית לנשואת אחותינו
חיקה הולנד עם **ל. רטנר**
תהיה דרכם בחיים צלחה
יצחק ובלה הולנד טשענסטוחוב.

Z intencji zaślubin kochanej siostry
CHAJKI HOLANDÓWNY z LEONARDEM RATNEREM
życzymy wiele szczęścia
Fuksowie i Madzia Balzam.

צו דער חתונה פון אונזער ליבע שוועסטער
חיקה האַלאַנד מיט **ל. ראַטנער** אין תל-אביב
ווינשען א הארציגען מזל טוב
אברהם האַלאַנד און פרוי בענדין.

אונזער ליבע שוועסטער
חיקה האַלאַנד צו איהר חתונה מיט **ל. ראַטנער**
ווינשען פיעל גליק
לייבל האַלאַנד און פרוי סאָסנאָוויץ.

Z intencji zaślubin naszej ukochanej siostrzenicy i kuzynki CHAJKI HOLANDÓWNY z LEONARDEM RATNEREM, który się odbył w Tel Awiwie życzymy Nowożeńcom dużo szczęścia Rodzicom pociechy
Szpilbergowie z rodziną.

„MAISON HYGIENA"
ALEJA WOLNOŚCI 1-3

א גרויסער נאָך=סעזאָן= אויספערקויף
פון אלערליי גאַלאַנטעריע = סחורות, ווי:
דאַמען=און מענער=סוועטערס
דאַמען=און מענער=העמדער
שקארפעטען, שטרומפף א.אז.וו.

אלץ צו זעהר ביליגע פרייזען.

Stowarzyszenie Przemysłowców i Kupców w Częstochowie, Al. Wolności 11.

Podaje się niniejszym do wiadomości pp. członkom Stowarzyszenia Przemysłowców i Kupców w Częstochowie, że w niedzielę dnia 20-go marca 1938 r. o godz. 3.30 po poł. odbędzie się w lokalu własnym w Częstochowie przy ul. Aleja Wolności 3—5.

ZWYCZAJNE WALNE ZGROMADZENIE

członków Stowarzyszenia z następującym porządkiem dziennym: 1. Zagajenie Zgromadzenia. 2. Wybór Przewodniczącego Walnego Zgromadzenia. 3. Odczytanie protokułu Walnego Zgromadzenia z dnia 6.IV.37 r. 4. Zatwierdzenie sprawozdania za rok 1937. 5. Uchwalenie budżetu na rok 1938. 6. Wybór 5 członków Zarządu i zastępców, oraz 5 członków Komisji Rewizyjnej. 7. Wolne wnioski.

Uwaga. W razie nieprzybycia w oznaczonym terminie przewidzianej Statutem liczby członków, odbędzie się tegoż dnia o godz. 4.30 po poł. Zebranie w drugim terminie prawomocne bez względu na ilość obecnych.

W myśl § 32 Statutu mają członkowie Stowarzyszenia prawo przedstawienia wniosków na Walne Zgromadzenie jedynie na 10 dni przez terminem Zgromadzenia.

Ustępują z Zarządu po wylosowaniu zgodnie z art. 17 Statutu pp. Prezes Z. Stiller, D. Borzykowski, A. Grandapel, J. Wajnsztajn i N. Szwarcbaum. Ustępujący z Zarządu mogą być ponownie wybrani (§ 17 Statutu).

Wielce szanownemu p. Dr. JULIANOWI LIPIŃSKIEMU, naszemu wieloletniemu lekarzowi domowemu, za nader ofiarną, cierpliwą, troskliwą i serdeczną opiekę, jaką otoczył w czasie ostatniej choroby mego męża

b. p.

MAURYCEGO ROSENSTEINA

prowadząc niestrudzenie ciężką walkę z nieubłaganą śmiercią, jakoteż pp dr. Bernardowi Epsteinowi, dr. Ignacemu Frenkenbergowi, dr. Alicji Wajnbaumowej i st. felczerowi Marianowi Hartmanowi za poniesione trudy, składam tą drogą z głębi zbolałego serca serdeczne dzięki.

Anna Rosensteinowa

Wszystkim tym, którzy w ciężkich i bolesnych chwilach po śmierci naszego męża i ojca

b. p.

MAURYCEGO ROSENSTEINA

okazali nam tyle serca i współczucia, w szczególności zaś wielebnemu Rab Dr. Hirschbergowi za szczere słowa pociechy, Komitetowi Nowej Synagogi za uroczyste nabożeństwo u wrót Świątyni, Towarzystwu „Achiezer" za wzorowe zorganizowanie pogrzebu, wreszcie pracownikom fabryki „METROS" Ska Akc. za gremialny hołd złożony Zmarłemu, składamy najserdeczniejsze „Bóg Zapłać".

Anna Rosensteinowa z rodziną

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.

מאכט בעקאַנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאַנץ, וואס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערציינגען וועגען דעם די קונדשאפט האָבען מיר
פערבילליגערט די פרייזען:
א קאָלנער מיט א הערליכען גלאנץ 10 גר.
א העמד — — — 40 „
אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט.
ספעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na lekcje kompletowe i pojedyncze.
codziennie od 10—21
אכטונג: יעדען שבת פראַקטישקע־רעקציע
פאַר יודישער געזעלשאפט.
אָנהויב 7 אָווענד. — ערשטקלאסיגע מוזיק.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

Dr. med.
A. WOLBERG
choroby skórno - weneryczne
POWRÓCIŁ
i ordynuje od 4—7 po poł.
Aleja Wolności № 13
II piętro tel. 13-67.

Z powodu zgonu

b. p. **Maurycego Rosensteina**

wyrażają pozostałej Rodzinie szczere współczucie

Salomon Gewircman i Tropauer.

Rodzinie Rosenstein
z powodu zgonu Ich nieodżałowanego Męża i Ojca
b. p. **MAURYCEGO ROSENSTEINA**
nasze serdeczne współczucie
ROZENBERGOWIE

Rodzinie Rosenstein
z powodu zgonu Ich nieodżałowanego Męża i Ojca
b. p. **MAURYCEGO ROSENSTEINA**
nasze serdeczne współczucie
KISYNOWIE

RODZINIE ROSENSTEIN
z powodu zgonu Ich nieodżałowanego Męża i Ojca
b. p. MAURYCEGO
wyrażają szczery żal i współczucie
P. Wajchmanowie.

Z powodu zgonu
b. p. MAURYCEGO ROSENSTEINA
składa wyrazy współczucia stroskanej RODZINIE
firma „WIDŁORAM".

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם חשוב׳ען
ד״ר י. פרענקענבערג און פאַמיליע צום טויט פון זייער מוטער
עלעאָנאָרא נ״ע
זייט געטרייסט!
די פערוואַלטונג פון „לינת הצדק“.

די ווילדע העצע

אזוי איז שוין אונזער גורל – וואס פאר א סיבה עס זאל נישט געשעהן, זענען מיר יודען דערין שולדיג; אפילו דאמאלס, ווען ס'האט צו אונז גאר־נישט קיין שייכות, זענען מיר שטענדיג דער שעיר לעזאזל.

אונזערע היימישע ענדעקעס זענען איבערהויפט מזיקים אויסצוטייטשען אלע געשעהענישען און וועלט־קאטאק־ליזמען אויף אונזער חשבון, אזוי אז אפילו דער שפאנישער בירגער־קריג איז א יודיש שטיקעל ארבייט.

ווער שמועסט, אז ס'געשעהט עפיס אין פוילען, זענען מיר דאך אוודאי שולדיג, און מען הויבט אן העצען די נידריגע אינסטינקטען פון המון אויס־צולאזען זייער כעס אויף יודען.

ווען מען נעמט א פוילישע צייטונג פון איינאיינציגען טאג, וועט איהר דארט אנטרעפען עטליכע פראצעסען פון אויסטערלישע מערדער. דא האט א וואמפיר ערמארדעט צענדליגער קרבנות, א צווייטער האט ערמארדעט אין סקערניעוויץ 4 פערזאן, א דריטער א מארפיניסט, א מערדער פאר'ן גע־ריכט א. אז. וו. קיינעם וועט אבער נישט איינפאלען צו בעשולדיגען א גאנץ פאלק פאר די חטאים פון א אינ־דיווידואום; טאמער אבער פערשולדיגט זיך א יוד, איז היסעל עפען זוך, ווערט באלד אנ'„אדרוך"...

און נישט נאר פאר א חטא פון א יודישען יחיד, נאר אויך פאר זייערע, פאר די נישט־יודישע זינד ליידען מיר, אט האט א משוגע'נער אדער אפשר נישט קיין משוגע'נער ערמארדעט א גלח, דער מערדער איז נישט קיין יוד, און לסוף ליידען גאר יודען דערפאר, אין ווארשא האט מען נאך א פער־זאמלונג, וואס איז פארגעקומען אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזיגער רציחה, אויסגעהאקט יודישע שויבען און צושלאגען יודישע קעפ.

אויך אין טשענסטאכאוו גרייטען זיך די ענדעקעס איינצוארדנען אזא גאטעס דינסט היינט און מארגען און היות ווי טשענסטאכאוו איז א מקום מוכן לפרעניות, קאן מען נישט זיין זיכער, צי אויך ביי אונז וועלען זיי נישט וועלען אויסלאזען זייער כעס אויף אונ־זערע קעפ.

א גרויסע פינסטערניש חערשט ארום אונזער לעבען, די שווארצע כנופיה האט פערשפרייט איהרע פליגעל איבער אונז און מיט אלע חעסליכע מיטלען פרובירען זיי אונז פערטיליגען.

ביי יעדער געלעגענהייט, סיי מיר ווייסען יא פון עפיס צו זאגען, סיי מיר הויבען פון גארנישט אן צו ווי־סען, ווערט געפיהרט געגען אונז א העסליכע ווילדע העצע.

ש.

קורצע ידיעות פון דער וואך.

אין מאסקווא קומט פאר דער גרוי־סער פאליטישער פראצעס געגען א רייהע געוו. סאוויעטישע פיהרער. אלע בעשולדיגטע האבען זיך „מודה" גע־ווען צו דער שולד. דער דאזיגער פראצעס האט ארויסגערופען א גע־וואלדיגע פעראינטערעסירונג אין דער גאנצער וועלט. דער אורטייל ווערט ערווארט ענדע וואך.

– קיין ארץ־ישראל איז אנגעקומען דער נייער הויך־קאמיסאר סער מעק־מייקעל. דער נייער הויך־קאמיסאר האט געהאלטען א רעדע דורכ'ן ראדיא אין וועלכער ער האט בעטאנט, דאס די הויפט־אויפגאבע זיינע איז צוריקצו־שטעלען רוה און ארדנונג אין לאנד און ער אפעלירט צו אלע איינוואוינער זיי זאלען איהם העלפען ביים דורכ־פיהרען דאס בערוהיגונגס־ווערק אין לאנד.

– אין קאפשטאדט (דרום־אפריקא) איז אין עלטער פון 51 יאהר געשטאר־בען שלום שווארצבארד. שווארצבארד האט אין יאהר 1926 אין פאריז דער־שאסען דעם אטאמאן פעטלורא אלס נקמה פאר די אוקראינישע יודען־פאג־ראמען אין וועלכע אויך זיינע נאהנטע קרובים זענען אומגעקומען. שלום שווארצ־בארד איז דאמאלס דורכ'ן פאריזער גע־ריכט פריי געשפראכען געווארען.

– א שרעקליכע פערפלייצונג איז פארגעקומען אין קאליפארניען. דער שאדען בעטרעפט 30 מיליאן דאלאר. 150 פערזאן זענען דערטרינקען געווא־רען: שטארק געליטען פון דער פער־פלייצונג האט אויך די פילם שטאדט האליוואוד, וואו די היזקות זענען רי־זיגע.

– די איטאליענישע רעגירונג האט אפיציעל אבגעלייקענט די קלאנגען, אז מוסאליני זאל פארלייגען דעם נע־גוס דעם אביסינישען טראן און די הערשאפט איבער א פערט חלק פון אביסיניען. דערגלייכען זענען אין א אפיציעלער מיטטיילונג בעצייכענט געווארען אלס פאנטאסטישע די קלאנ־גען וועגען שאפען א יודישע מלוכה אין אביסיניען.

– ביי דזשענין איז פארגעקומען א גרויסע שלאכט צווישען ענגלישען מי־ליטער און א גרויסער טעראריסטען־באנדע פון 500 פערזאן. אין דער דא־זיגער שלאכט, וועלכע האט געדויערט 2 טאג, זענען 70 אראבער דער'הרג'עט געווארען און 36 זענען גענומען געווא־רען געפאנגען. צווישען די דער'הרג'־עטע געפינט זיך דעו' בעוואוסטער טע־ראריסטען־פיהרער שייך אסטיעהא־אכמעד.

– אין א פרעסע־אינטערוויאו האט דער פרעזידענט פון בראזיליען ווארגאס ערקלערט, אז דער נייער רעגי־רונגס־רעזשים אין בראזיליען איז פול־שטענדיג פריי פון אנטיסעמיטישע טענדענצען. די יודישע עמיגראנטען וועלען אויך ווייטער גוט געזעהען ווערען און בעהאנדעלט ווערען גלייך מיט אנדערע.

– ביי פאלאס אין שפאניען איז פארגעקומען א גרויסע ים שלאכט צווי־שען רעגירונגס און אויפשטענדישען־פלאט. די שלאכט האט זיך געענדיגט מיט א נצחון פון רעגירונגס פלאט. די קרייצער־שיף פון די אויפשטענדער „באלעארעס" איז געטראפען געווארען פון א טארפעדע און אונטערגעגאנגען, 600 מאטראזען זענען אומגעקומען.

– נאך דעם אנגעהמען דעם בוד־זשעט דורכ'ן סיים איז דער סענאט צוגעטרעטען צו בעהאנדלען די בעזונ־דערע בודזשעטען. די ארבייט קומט פאר אין א שנעלען. טעמפא. א רייה סענאטארען האבען שארף קריטיקירט די רעגירונג. מיט שטארקע רעדעס זע־נען ארויסגעטרעטען די סענאטארען פראפ. שאר און טראקענהיים.

– אין צוזאמענהאנג מיט'ן ערמאר־דען דעם גלח שטריק אין לובאן, איז אין ווארשא ארגאניזירט געווארען אנ'אנטי־קאמוניסטישער מיטינג. נאך דעם מיטינג האבען זיך עטליכע גרופען פון ענדעקישע סטודענטען ארויסגעלאזט אויף די מארשאלקאווסקע גאס ווי אויך זייטיגע גאסען און גענומען האקען שויבען אין די יודישע געשעפטען, מאכענדיג אנטיסעמיטישע אויסרופען. ווע־גען די דאזיגע געשעהענישען האט סען. שאר אריינגעטראגען אנ'אינטער־פעלאציע אין סענאט.

– פון ווארשא איז די וואך אבגע־פאהרען א ספעציעלער צוג מיט 500 עולים קיין ארץ ישראל. דעם לעצטען חודש וועלען אבפאהרען די לעצטע צוויי עולים טראנספארטען פון דעם יעצטיגען „שעדיול". מיט די דאזיגע 2 טראנספארטען וועלען פאהרען 600 עולים.

– אויפ'ן פיקאדילי־פלאץ אין לאנ־דאן אין שכנות פון דער דייטשער אמ־באסאדע איז דינסטאג שפעט אין אווענד פארגעקומען א דעמאנסטראציע פון קאמוניסטישע און ראדיקאלע עלע־מענטען, אין א צאהל פון עטליכע טויזענד מאן, וועלכע האבען פראטעס־טירט געגען דעם פארשטעהענדען ווי־זיט פון דייטשען אויסערן־מיניסטער פאן ריבענטראפ אין לאנדאן.

– דינסטאג, אין יריד־טאג, זענען אין ווענגראוו פארגעקומען אנטי־יודישע ארויסטרעטונגען. יודישע סטראגאנעס זענען אומגעווארפען געווארען און די סחורה פערניכטעט. אלע יודישע גע־שעפטען זענען געווען געשלאסען און יודען האבען נישט פערלאזען די וואוי־נונגען. איינע יודען זענען אין גאס צושלאגען געווארען.

רעטענישען...

קליינער פעליעטאן

– איך האב אייך צו פרעגען רעטע־נישען און וויל אז איהר זאלט זיי בע־שיידען – אט מיט אזא פזמון איז צו מיר אריין מיין שכן ישראל יודעל א טאפ נאכרעס, ווי ער האט אראבגענו־מען די באנדאזשען פון קאפ, וועלכע זענען געלעגען ביי איהם אלס אנ'אי־בערבלייבעניש פון די „אס־אפקעס".

– וואס פארע רעטענישען האט איהר ווידער – פרעג איך איהם. ערשטענס– זאג איך ווייטער – בין איך נישט קיין ספעציאליסט צו טרעפען רעטענישען, איך האב א טבע פון מיין יוגענד אן צו בעהאנדלען פראגען, וועלכע זענען קלאר און בולט, אזוי, אז מיין קאפ זאל זיי קענען בענעמען און האב דע־ריבער קיינמאל נישט געהאט קיין ניי־גונג צו פערהוילענע זאכען, צו רעטע־נישען; צווייטענס, איז פרעגען א רע־טעניש איבערהויפט אין די היינטיגע צייטען גארנישט שווער, ווארום אז מען וויל קאן מען אפילו פרעגען א רעטעניש, פארוואס די וועלט שטעהט נאך אויף אנ'ארט און געהט נישט אונ־טער, צוקוקענדיג וואס פאר א חורבן די מענשען האבען פון איהר געמאכט.

– לאזט אב מיט אייער פילאזאפיע– רייסט מיר איבער מיין שכן – איך בין נישט געקומען צו אייך אבצוהאל־טען א שמועס וועגען דער וועלט; פארמיינעטווועגען מעג זי זיך שלאגען דעם קאפ אין די וואלקענס, און אויב עס געפעלט איהר נישט דער סדר העולם, קאן זי זיך אנדערש מאכען. אויב איך וויל אייך פרעגען רעטעני־שען, איז עס וועגען ערדישע זאכען, וועגען פראגען, וועלכע געשעהען פאר אונזערע אויגען – מיר לעזען וועגען דעם אין דער צייטונג, מיר לעבען עס אויך אדורך, מיר טאפען עס פשוט אן מיט די הענד און פונדעסטוועגען איז עס א רעטעניש. אי דאס וואס איהר זאגט – מאכט צו מיר ישראל יודעל – אז איהר זענט נישט קיין ספעציאליסט צו פערענטפערען רעטענישען, מאכט אייך נישט אויס, ווייל עס האנדעלט זיך נישט אין פערענטפערען – איך בין זיכער פון פאראויס, אז איהר וועט זיי טאקע נישט קענען פערענטפערען – מיר געהט מעהר אין פרעגען, גלאט אזוי זיך אדורכשמועסען, בעסער גע־זאגט, איבערלופטערען מיט'ן מויל דאס, וואס פיקט אין מח, אין דער נשמה!

– א סוף זאל עס נעמען – ווענד איך זיך צו מיין שכן, זעהענדיג, אז איך וועל סיי־ווי גארנישט פועלן – רעדט, דערצעהלט אייערע רעטענישען, כ'וויים, אפשר וועט מען קאנען געפי־נען עפיס אנ'ענטפער, כאטש איך צוויי־פעל שטארק דערין.

– אט פרעג איך שוין – זעצט זיך ברייטליך אוועק מיין שכן, רוקט זיך ארויף דאס היטעל אויפ'ן שטערען און גלעט זיך די בארד.

רעטעניש נומער איינס:

– פארוואס האט דער שטארקער מו־סאליני, וועלכער האט מיט זיינע איי־זערנע שטיוועל צוטרעטען דאס אבי־סינישע לאנד, פערטריבען דעם נעגוס און אויסגעשאכטען אין נאמען פון קולטור און פראגרעס טויזענדער פריד־ליכע אביסיניער, פארוואס בעט ער זיך גאר יעצט נאכדעם ווי ער איז געווארען דער גאנצער בעל הבית אי־בער'ן עטיאפיע לאנד און אויך בעקו־מען פון ענגלאנד די אנערקענונג פאר דער אנעקסיע פון אביסיניע, אז דער נעגוס זאל צוריק פערנעמען דעם אבי־סינישען טראהן און דערפאר זאל דער לעצטער זאגאר בעקומען א פעטע פענסיע?

רעטעניש נומער צוויי:

פארוואס, דערצעהלט מען און מען שרייבט, אז אין דייטשלאנד הונגערט מען, עס פעהלט אויס פוטער, פעטס, מיט איין ווארט, מען עסט ראקעס מיט מכות און פונדעסטוועגען איז דאס פאלק נעדוולדיג, טראגט אויף זיך דעם עול פון דיקטאטאר און רעדט נישט קיין ווארט, פרובירט נישט ארבצוו־ווארפען פון זיך דעם הויקער, וועלכער דו'יקט איהם ביז ככלות הנפש?

רעטעניש נומער דריי:

אזא גרויסע אימפעריע, ווי עס איז ענגלאנד האט צוגעזאגט צו שאפען א יודישע מלוכה אין ארץ ישראל, טאקי א טל מטר־מלוכה'לע, אבער זי האט דאך דאס פייערליך ערקלערט, טא פארוואס הערט מען נישט און מען זעהט נישט, פארוואס איז ענגלאנד נישט מקיים איהר הבטחה?

רעטעניש נומער פיער:

יאפאן האלט אין איינגעהמען כינע און ס'ווערט איהר אלץ נישט ביטער, אדרבה, וואס מעהר זי נעמט איין כי־נא, ווערט איהר אלץ זיסער איהר לע־בען...

רעטעניש נומער פינף:

שוין קנאפע צוויי יאהר, ווי מען שלאגט זיך אין שפאניען, יעדען טאג מעלדען ביידע גענעראל־שטאבען, סיי די רעפובליקאנער, סיי די אויפשטענ־דער וועגען זייערע נצחונות און פונ־דעסטוועגען איז אלץ נישטא קיין רע־זולטאט, מען האלט זיך נאך אין איין אויפקוילען. און נאך מעהר רעטעניש איז, וואס די דעמאקראטישע מלוכות, וועלכע האבען צוגעזאגט זיך צו בע־מיהען אבצושטעלען דעם ברידער־מארד, האבען יוצא געווען מיט בלויז פיסק־מלאכה.

דאס גרעסטע רעטעניש איז אבער – זאגט ווייטער מיין שכן – דאס, וואס עס קומט פאר אין רוסלאנד, דאס איז דאך עפיס הימעל עפען דיך; איך בין קיינמאל נישט געווען ענטציקט מיט דער באלשעוויסטישער דיקטאטור, פונקט ווי מען קאן נישט זיין צופרי־דען פון קיין שום דיקטאטור, אבער, אז דער דיקטאטאר פון רוסלאנד זאל ווערען א תליין פון זיינע אייגענע חברים, וועלכע האבען איהם געהאלפען ווערען דיקטאטאר – דאס איז שוין איינע פון די גרעסטע וועלט־רעטעני־שען. מען וויל סטאלינ'ען פערגלייכען– זאגט ווייטער מיין שכן און זיין שטימע ציטערט פאר אויפרעגונג – צום בלו־טיגען איוואן גראזני, וועלכער האט אויף א שוידערליכען אכזריות'דיגען אופן אומגעבראכט די בעסטע זיהן פון אמאליגען רוסלאנד. פאקטיש אבער איז דאך סטאלין נאך גרויזאמער, ער בריינגט דאך אום זיינע חברים, גוטע פריינד, די אייגענע לייב־מענשען.

און נאך א רעטעניש איז דאס, וואס ביי די גוט איינרעזשיסירטע קאמעדיעס, וואס מען רופט אן געריכט, זענען זיך די אלע אלטע באלשעוויקעס, וועלכע האבען מיט'ן בלוט פון זייער הארצען פערטיידיגט די רוסישע רעוואלוציע, מסדר מודה, אז זיי זענען שפיאנען, באנדיטען, שעדיגער, פאשיסטען אזוו.

איבערהויפט איז דער סטאלין גופא א געוואלטיג רעטעניש, ווארום ווי אזוי קאן מען פערשטעהן, אז די אלע אלטע באלשעוויקעס זענען שפיאנען און נאר ער איינער איז דער אמת'ער קאמוניסט און וועלט־בעפרייער. מיט זיינע טהאטען פערשטארקט ער דאך נאר דעם פאשיזם איבער דער וועלט און גלייכצייטיג שוואכט ער אב דעם קאמוניזם, און זאל זיין ערלויבט צו זאגען—ווערט מיין שכן אלץ מעהר אויפגערעגט—אז וואס פאר א בעציהונג מיר זאלען נישט האבען צו היטלער'ן אדער צו מוסאלינ'ען. מוז מען דאך פארט אנערקענען, אז זיי האבען דאך נישט אזוי פיעל בלוט פון אייגענע אויף זייער געוויסען, ווי אט דאס רע־טעניש, וואס רופט זיך סטאלין.

– בערוהיגט אייך—ווענד איך מיך צו מיין שכן, זעהענדיג אז זיינע איי־גענע רייד האבען איהם ארויסגעפיהרט פון גלייכגעוויכט—נעמט אייך נישט איבער, פערפאלען, אין אזא וועלט לעבען מיר שוין און עס געהט נישט אנדערש צו מאכען. אה, ווען מען זאל צוליב יעדער פאסירונג אין לע־בען זיך אזוי נעמען צום הארצען, וואלט מען איבערהויפט נישט געקאנט לעבען.

– עס איז אמת—איז מיר מודה מיין שכן—אבער מען איז דאך נאר א מענש און צוקוקענדיג זיך צו די מנהגים פון דער וועלט, כאפט זיך פון צייט צו צייט ארויס די דאזיגע פראגע: פאר־וואס?

גלויבט מיר,—זאגט מיר ביים אוועק־געהן מיין שכן—אז איך האב אייך נאך צו פרעגען א סך רעטענישען—וועלט־רעטענישען, לאנד־רעטענישען און אויך ריין־לאקאלע יודישע רעטענישען ווי, למשל, וואלט איך נאך געוואלט פרע־גען דאס רעטעניש מיט די פיקעטען, פארוואס ערלויבט א מלוכה אומגליק־ליך צו מאכען די אייגענע בירגער; דאן דאס רעטעניש, פארוואס עס איז נאך נישט בעשטעטיגט ביז איצט דאס פרעזידיום פון דער היגער קהלה; קיין פשוט'ע זאך איז דאך דאס נישט, דאס איז דאך, פאניע סמאל אויך א גרויס רעטעניש. נאר היות ווי איהר האט מיר נישט געענטפערט אויף קיין איינע פון די אנגעפרעגטע רעטענישען, וועל איך די איבריגע אבלייגען אויף אנ'אנדער מאל.

– פערצווייפעלט נישט—טרייסט איך מיין שכן שוין שטעהענדיג אויף דער שוועל—זאל מען האפען, אז עס וועט נישט לאנג דויערען און די אלע רע־טענישען וועלען זיך אויפקלערען און די וועלט וועט בעפרייט ווערען פון קאשמאר, וועלכען זי לעבט איבער.

– הלוואי—גיט א זיפץ מיין שכן—דערווייל אבער איז ביטער, דערווייל ווערען מיר דערשטיקט, סיי פיזיש, סיי מאראליש, צוליב די דאזיגע פערפלאנ־טערטע, עקעלהאפטע נישט־פערשטענ־דליכע רעטענישען...

סמאל

יאַפּאַן און כינע.

פון ד"ר א. גינזבורג.

פאַהרענדיג אין צוג, האָב איך זיך געטראָפען מיט אַ יאַפּאַנער און געזוכט צו פערבינדען מיט איהם אַ שמועס:

דאס איז מיר נישט אַנגעקומען אַזוי גרינג. דער יאַפּאַנער האט מיר נישט געטרויט. גאָט אַליין ווייס אין וואס ער האט מיך חושד געווען. מיט זיינע האַלב פערמאַכטע אויגען האט ער מיך אַנגעקוקט און אויף אַלע מיינע פראַגען האָט ער געענטפערט מיט דעם זעלבען קוועטש מיט די פּלייצעס: „איך ווייס נישט".

לסוף האָב איך אַנגעהויבען צו רעדען וועגען די בעציהונגען צווישען יאַפּאַן און כינע:

„וואס האט איהר צו די כינעזער"? —האָב איך געפרעגט. „וואס האבען זיי אייך געטהון? זיי האבען אייך געגעבען אייער קולטור, אייער קונסט, אפילו אייער גלויבען, וואס האט איהר צו זיי? פאַרוואָס מאַכט איהר חרוב זייער לאַנד און זייערע שטעדט? פאַרוואָס מאָרדעט איהר זייערע אומשולדיגע פרויען און קינדער? וואַרפען באָמבעס פון עראָפּלאַנען אויף אונשולדיגע מענשען, דאס איז נאָך נישט געהערט געוואָרען".

דער יאַפּאַנער איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַן'אַנגעצינדענער. פאַר אַ ווײַלע האָב איך מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך אויף מיר אַרויפוואַרפען. ער האט זיך אָבער באַלד בערוהיגט און געענטפערט:

„עס איז נישט אמת. מיר זענען נישט די ערשטע, וואס וואַרפען באָמבעס אויף אונשולדיגע מענשען. די דייטשען האבען פון זייערע צעפּעלינס געוואָרפען באָמבעס אויף לאָנדאָן. די חיילות אין שפּאַניע וואַרפען ביידע באָמבעס איינע אויף די אַנדערע. דאס איז אייער תורה", האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, אַקוראַט ווי איך וואָלט דערין שולדיג געווען.

„אָבער וואס האט איהר צו די כינעזער"—האָב איך ווידער געשטעלט די פראַגע.

„מיר האבען צו קיינעם נישט"—האט ער געענטפערט—מיר ווילען לעבען, מיר זענען אַ פאָלק פון קנאַפּע אַכציג מיליאָן מענשען. אונזער לאַנד, אַן'אינזעל אין ים. איז קליין און אָרים. מיר האָבען נישט קיין נאַטירליכע רייכטימער און אונזער אייגען לאַנד. מיר האָבען נישט גענוג ברויט פאַר אונזערע ווייבער און קינדער. מיר זענען מוכן צו אַרבייטען, שווער און ביטער צו אַרבייטען, אַבי אונזער שטיקעל ברויט צו פערדינען. לאָזט מען אונז נישט. אַלע טויערען זענען פאַר אונז פערמאַכט. אין אַמעריקאַ לאָזט מען אונז נישט אַריין. אין קאַנאַדע, אַ לאַנד, וואו הונדערטער טויזענדער מענשען וואָלטען געקענט לעבען אין רחבות, וואו מיליאָנען מיילען לאַנד פוסטעווען, לאָזט מען אונז נישט אַריין. דאס זעלבע אויך אין אויסטראַליע, ניי-זעלאַנד און אַנדערע לייריגע פּלעצער. אַנדערע האָבען עס פערכאַפּט. אייערע מענשען האָבען עס פערכאַפּט און אונז לאָזט מען נישט אַריין. ביז-איצטער פלעגען מיר זיך אַריינגנבענען אין די דרום-אַמעריקאַנער לענדער, אָבער אויך דאָרטען ווערט עס אַלץ שווערער און שווערער און שווערער. איצט קומט בראַזיליע: זי וויל שוין אויך נישט קיין יאַפּאַנער. עס פּאַסט איהר שוין אויך נישט. איז וואס בלייבט אונז צו טהון?"

דער יאַפּאַנער האט זיך אָבגעשטעלט, האט מיך שטאַרק אַנגעקוקט מיט זיינע מאַנדעל-אויגען, אַזוי ווי ער וואָלט מיך ערשט איצטער דערזעהן און האט ווידער אַנגעהויבען:

„צו זיין אַ יאַפּאַנער איז כמעט אַזוי שלעכט ווי צו זיין אַ יוד. אין ערגיץ וויל מען אונז נישט, אין ערגיץ לאָזט מען אונז נישט אַריין. מיר זענען אומעטום פרעמד און אונגעוואונשען. איז איהר יודען קאַנט זיך מעהר העלפען. צווייהט און אויספרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אַהן אַ היים און אַהן אַ לאַנד, מוזט איהר ליידען. מיר אָבער האָבען גאָך אַ לאַנד, האָבען נאָך אַ מלוכה, אַ שטאַרקע מלוכה מיט אַ שטאַרקער אַרמעע — מיר האָבען נאָך כח צו קעמפען, מיר וועלען קעמפען. מיר וועלען נישט אונטערגעהן אָהן אַ קאַמף"...

איך האָב איהם איבערגעריסען:

„אייערע טענות זענען אפשר גערעכטע, אָבער כינע איז דאָך דערין נישט שולדיג. נישט זי האט פאַר אייך פערמאַכט די טויערען פון אַמעריקאַ, קאַנאַדע, אויסטראַליע, ניי-זעלאַנד און פון בראַזיליע. דאס האָבען געטהון די מלוכות פון די דערמאָהנטע לענדער. איהר דאַרפט זיך צו זיי ווענדען מיט אייערע טענות. וואס איז דאָ שולדיג כינע?"

דער יאַפּאַנער האט מיך אַנגעקוקט מיט אַ טשעקאַווען שמייכעל:

„מיר האָבען שוין דאס אויך געטהון. מיר האָבען שוין געטענה'ט, אָבער טענות העלפען נישט. איהר דאַרפט בעסער וויסען ווי אַנדערע. שוין טויזענדער יאָהרען ווי איהר האַלט אין איין טענה'ן, ווי איהר אַפּעלירט צום געוויסען פון דער וועלט, ווי איהר רעדט אין נאָמען פון גערעכטיגקייט, פון יושר און פון מענשליכקייט. נו, צי האט ער אייך עפּיס געהאָלפען? נישט קיין טענות דאַרף מען, נאָר כח. נישט קיין גערעכטיגקייט, נאָר מאַכט"...

„איהר זענט גערעכט, דורכאויס גערעכט, אָבער וואס זענען שולדיג די כינעזער?"—האָב איך ווידעראַמאָל געפרעגט.

„די כינעזער — האט דער יאַפּאַנער זיך פערטראַכט — די כינעזער זענען טאַקי נישט שולדיג. מיר קענען אָבער נישט פיהרען קיין מלחמות געגען ענגלאַנד, אָדער אפילו געגען רוסלאַנד. דערווייל קענען מיר נאָך נישט, יענע מלוכות זענען נאָך צו-שטאַרק פאַר אונז. זיי זענען שטאַרק בעוואָפענט. אפשר שפּעטער, ווען מיר וועלען שטאַרקער ווערען, וועלען מיר זיך קענען נעהמען צו זיי. דערווייל מוזען מיר זיך בעגנינגענען מיט כינע. מיר מוזען זיך צוערשט נעמען צו די, וואס זענען שוואַכער ווי מיר"...

דעם יאַפּאַנער'ס אָפענהערציגקייט האט מיך איבערראַשט:

„הייסט עס—האָב איך געזאָגט—אַז די גאַנצע שולד פון כינע בעשטעהט דערין, וואס זי איז שוואַך, וואס זי איז נישט גענוג בעוואָפענט, וואס זי קען נישט שלאָגען צוריק"...

דער צוג האט זיך אַנגעהויבען אָבשטעלען. דער יאַפּאַנער האט זיך אויפגעהויבען פון אָרט, ער האט נאָך אָבער געהאַט גענוג צייט אַרויסצומורמלען:

„עס איז ערגער ווי די שולד, עס איז פשוט אַ פערברעך. אין אַ צייט ווי אונזערע, איז שוואַכקייט דער גרעסטער פערברעך".

דער יאַפּאַנער איז אַרויס. ביי מיר אין קאָפּ האָבען זיך די גאַנצע צייט געבאָמבעלט זיינע לעצטע ווערטער: „שוואַכקייט איז דער גרעסטער פערברעך".

איך האָב געטראַכט וועגען אונז יודען. אונזער פערברעך בעשטעהט אין אונזער שוואַכקייט, אַזאַ פערברעך קען די וועלט נישט מוחל זיין...

די ערשטע ארץ-ישראל-פּיאָנערן

(סוף)

ווי אַ לעגענדע, עפּעס ווי אַ מעשה'לע וועגען עקסטנות'דיגע ענטוזיאַסטען, לייענט זיך טאַקע די געשיכטע וועגען דער גרינדונג פון פתח-תקוה. דריי זענען זיי געווען: יואל משה סאַלאָמאָן, אַן'אייניקעל פון דעם שוין דערמאָנטען ר' זלמן צורף, יהושע שטאַמפּער און ד"ר גוטמאַן — די גרינדער פון פתח תקוה. דער גריכישער דאָקטאָר מאַזאַריקי האט עס געדאַרפט פעסטשטעלען, צי מען קען דאָ אַ ישוב גרינדען. איז דער דאָזיגער דאָקטאָר אַרויף אויף אַ חורבה און פון דאָרט אַ לאַנגע צייט בעאָבאַכטעט די אומגעגנד. דער „מזומן" יורדן איז געשטאַנען אונטען און מיט הארץ - קלאַפּעניש געוואַרט אויף'ן דאָקטאָר'ס אורטייל. אַרום האָבען פויל געגלענצט בלינדע אָראַבער, דאס זאַמד האט געבלאָזען אין די אויגען און דער ווינט פון דער אַרומיגער וויסטער געגענד האט געפּיפען... און אָט קומט אַראָב דער דאָקטאָר און זאָגט זיך אָב אַזאַ דרשה: „זייט וויסען, אַז איך האָב דאָ קיין איין פויגעל אפילו נישט געזעהען פליהענדיג און דאס בעדייט, אַז די לופט איז דאָ שלעכט און פערדאָרבען און קיין שום מענשליך בעשעפעניש קען, פערשטעהט זיך, נישט בעזעצען זיך אין אָט דער פערשאָלטענער סביבה. אַלע דריי האָבען אַראָבגעלאָזט די קעפּ און געשוויגען. ר' יואל משה סאַלאָמאָן האט אָבער איבערגעריסען די שטילקייט און זיך אָבגערופען: „ואף על פי-כן!" יהושע שטאַמפּער האט צוגעגעבען: „מירן פּרובען" און דוד גוטמאַן איז אַרויסגעפּאַלען אויף'ן האַלז און געוויינט.

און ווען עס האט זיך אַנגעהויבען דער אמת'ער קאַמף מיט קראַנקהייט און וויסטעניש און טייל פון די ערשטע זידלער זענען זיך צולאָפען און מען האט געשיט פעך און שוועבעל אויף דעם „פערפיהרער" סאַלאָמאָן, ענטפערט ער זיינע געגנער מיט פּאָלגענדע ווערטער: „כי הנה אראנו ולא עתה אשורנו ולא קרוב ומכל אפסי ארץ ינהרו יהודים אל הארץ הזאת ופתח-תקוה זו, שאתם מכנים אותה כיום פתח חרטה, הי' נהי' עוד עיר ואם בישראל, בה אלפי תושבים יחיו ויהנו מיגיע כפם וכל השפלה „עמק העכור" יהי' לעמק השפע והברכה"...

הייגט אין 60 יאָהר אַרום, ווען פתח-תקוה איז געוואָרען די צווייטע יודישע שטאָדט אין א"י מיט עטליכע צעהנדליג טויזענד תושבים, קענען מיר בעוואונדערען די דאָזיגע ווערטער, וואס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט אַזאַ תמימות און בטחון, מיט אַזאַ פעסטער איבערצייגונג און טיפען גלויבען, אַז דאָ מוז און וועט אַ גרויסער יודישער ישוב ווערען...

אָט אַזוי וואַקסען זיי אויס איינער נאָכ'ן אַנדערען די העררליכע געשטאַלטען פון די ערשטע אויף פערשידענע געביטען א"י-אויפבוי. פערשידען איז דער פעלד פון זייער אַרבייט, אָבער איין בולטער שטריך טיילט זיך אויס אין די ביאָגראַפיעס פון יעדען איינעם פון די, וואס האָבען געווידמעט זייער לעבען דעם ארץ ישראל אויפבוי — די געוואַלדיגע ממש עד כלות-הנפש'דיגע ליעבע צו דעם לאַנד פון די אבות און נשמה'דיגער צובונד צום הייליגען באָדען.

דאָ און דאָרט כאַפּ איך אַרויס פון בוך „מאה שנה" אויסצוגען, וואס די עולים בערך מיט הונדערט יאָהר צוריק האָבען געשריבען וועגען ארץ-ישראל, דאס זענען נישט בלויז ווערטער געשריבען אין אַ תנכ'ישער שפּראַך — דאס איז אַן'אויסדרוק פון דער האַרציגער ליבע, פון דער צערטער תמימות און גרויס התלהבות, מיט וועלכער די דאָזיגע „ערשטע" זענען געווען דורכגעדרינגען.

אברהם אלעזר פּראַנקל — אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע פערזענליכקייט — צוגיסט זיך מיט זיין פּאָעטישער נשמה ביים אָנקומען אין לאַנד בזה הלשון: „הנה אדמת האבות הקדושה לפניך פרושה, ארץ נהדרה בפלאות, אשר נתקדשה בקדושת התורה ובקורות קדומים שם תדרוך כף רגלו, שם התהלכו הנביאים מאשרי העם, תודה ומוסר הטיפו. שם אדירי התהלות נעימי זמירות שפכו צקון להשם. דבר אשר אליו רבבות בני תמותה השתוקקו משנות דור הנה הוא נתון לך בחסד המקרה הצולח"... און ר' בן-ציון פון פּשעמישל, וועלכער איז מיט איהם צוזאַמען געקומען, האט שטעהענדיג אַנגעטהון אין טלית און תפילין אויסגערופען: „אוי!" ערי קדשיך היו מדבר, ציון מדבר היתה, ירושלים לשממה!

דערצעהלט דער זעלביגער פּראַנקל, אַז אַריינקומענדיג קיין ירושלים אַזוי פערזונקען אין זיינע מחשבות דערזעהט ער מיט אַמאָל, ווי אימיצער האַלט איהם פון אונטען ביים לאַץ און שטעקט אויס צו איהם אַ לאַנג מעסער... האט פּראַנקל אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און זיך אומגעדרעהט, ערשט ער דערזעהט פאַר זיך אַ יוד, וואס שרייט אויס צו איהם „שמע ישראל! וואס אַזוינס ווילסטו מיט מיר טהון?" ס'האט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאס איז געווען ר' משה קוראל, דער ממונה, וואס דאַרף

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

זכרונו לברכה.

דעם פערשטאָרבענעם אינדוסטריעלער משה ראָזענשטיין ז"ל האָב איך נאָהנט נישט געקאַנט. איין זאַך ווייס איך אָבער און דאָס ווייסען אויך אַלע, אַז אין זיינע פאַבריקען, וועלכע געפינען זיך אויף די גאַסען בערקא יאָסעלעוויטשא און קרוטקע, האָבען שטענדיג געאַרבייט און אַרבייטען נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג אַ סך — דער רוב — בלויז יודען.

דער איינער פאַקט שטעלט שוין אוועק דעם נפטר אויף אַזאַ הויך, וואס קיין איין איינציגער יודישער פאַבריקאַנט קאָן נישט האָבען קיין זכייה דערצו. מעגליך, אַז מען וועט מיר וועלען בעווייזען דאָס ס'זענען אויך פערהאַנען אַנדערע יודישע פאַבריקאַנטען, וועלכע ווילען און נעמען אויך צו יודישע אַרבייטער — איז ערשטענס, זענען אַזעלכע וועניג בנמצא, און ווען יאָ, נעמען זיי צו אויפ'ן שפּיץ-מעסער, און דאָס טהוען זיי היינט, ווען פון איין זייט האט ערוואַכט דאס נאַציאָנאַלע געוויסען און פון דער צווייטער זייט האָבען זיי זיך איבערצייגט, אַז די יודען אַרבייטער זענען גוטע אַרבייטער און מען האט פון זיי וועניגער צרות, ווי פון די נישט יודען. דער פערשטאָרבענער משה ראָזענשטיין אָבער, האָט צוגענומען לרוב יודישע אַרבייטער נאָך מיט צענדליגער יאָהרען צוריק. און אויב דאָס איז נאָך וועניג, וועל איך אייך דערצעהלען, אַז ער איז געווען כמעט דער איינציגער יודישער פאַבריקאַנט, וועלכער האט נישט געטאָדעלט יודישע אַרבייט, נאָר געלויבט, ער האָט זיך ענטקעגענגעשטעלט די יודישע פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען געוואָלט מבזה זיין יודישע אַרבייט און האָט אויפגעוויזען, אַז יודישע אַרבייט איז פונקט אַזוי גוט, ווי נישט-יודישע און אפשר נאָך בעסער.

אַנדערע יודישע פאַבריקאַנטען בערימען זיך, אַז זיי גיבען צדקה אויף פילאַנטראָפּישע צוועקען, אויף אַ שפּיטאָל, למשל, אַז ווען דער יודישער אַרבייטער, וועלכען מען נעמט נישט צו אין די יודישע פאַבריקען, ווערט געשוואָלען פאַר הונגער און ער ווערט נעביך קראַנק, זאָל ער האָבען וואו צו היילען זיך. משה ראָזענשטיין, כאָטש ער האט אויך געגעבען צדקה, האט ער אָבער געגעבען די יודישע אַרבייטער אַרבייט, פרנסה, ברויט, אַז זיי זאָלען זיין געזונד און נישט דאַרפען אָנקומען אין קיין שפּיטאָל.

אָט דאס איז דאָס גרעסטע פערדינסט פון דעם ערשט נישט-לאַנג פערשטאָרבענעם פאַבריקאַנט משה ראָזענשטיין, וואס דאַרף זיין אַ מוסטער פאַר אַ סך אַנדערע יודישע פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען אויף זייער געוויסען די לעבענס פון אַ סך יודישע משפחות.

איך רעכען נישט אויס אפילו קיין איין מעלה פון פערשטאָרבענעם, וועלכע ער האט געהאַט אַ סך נאָר ווען מען דערמאָהנט בלויז דאָס, וואס איך האָב אָנגעצייכענט, וואס ביי איהם איז עס געווען אַ פּרינציפּ; צו בעשעפטיגען אין זיין אונטערנעהמונג יודישע אַרבייטער, מוז מען אויף איהם זאָגען: חבל על דאבדין — אַ שאָד, וואס אַזעלכע ווערען פערלוירען און זאָל זיין זכרונו לברכה.

אין טשענסטאָכאָווער מאַגיסטראַט אַרבייטען אַ סך יודען...

דאס איז נישט עפּיס אַן'אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אַ לעבעדיגער פאַקט אין וועלכען יעדער קאָן זיך איבערצייגען. אין היגען מאַגיסטראַט אַרבייטען עטליכע צענדליג יודישע בעאַמטע, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אויך חסידישע יונגע-לייט מיט שוואַרצע און געלע בערדלעך, און זאָגאַר פּאות טראָגען זיי אויך — די יודישע בעאַמטע פון טשענסטאָכאָווער מאַגיסטראַט.

לכתחילה, ווען איך האָב דאס געזעהן, וועגען דעם געהערט, האָב איך מיינע אויגען נישט געגלויבט, וואָרום ווי איז דאָס מעגליך, אַז אין די איצטיגע צייטען, ווען ס'איז צופיל אין די אויגען אַ יודיש טאַבאַק-געוועלבל, אַ יודישער סטראַגאַן א. ד. גל., זאָל מען נעמען עטליכע צענדליג יודישע יונגע לייט און זיי מאַכען פאַר מאַגיסטראַט-בעאַמטע — היה לא תהיה, דאס קאָן נישט זיין און טאָר נישט זיין. ווען איך האָב אָבער פאַקט געזעהן מיט מיינע אויגען, ווי אַזוי גאַנצע גרופּעס יודישע בעאַמטע זיצען ביי די ביוראָען אין מאַגיסטראַט און אַרבייטען, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ס'איז טאַקי אמת.

די חסידישע יונגע-לייט פיהרען זיך ביי דער אַרבייט זעהר יודישליך. אַזוי, למשל, האָבען זיי וואַסער מיט אַ האַנטוך, זיך צו וואַשען די הענד נאָך נקיות; אויך וואַשען זיי זיך צום עסען און עסען זייער מאָהלצייט אין די קאַפּעלעך, בענטשען מיט מזומן או"וו. מיט איין וואָרט, זיי האָבען ביי דער אַרבייט אַ גן-עדן. און אויך פעהיג צו דער אַרבייט זענען זיי, זיי האָבען אַ גוטע אָריענטאַציע און טאָמער קומט אַ פּעטענט עפּיס אַ זאַך ערלעדיגען דאַרף ער נישט קומען עטליכע מאָל כנהוג, אַזוי ווי עס האט זיך געפיהרט ביז היינט, נאָר דער יודישער בעאַמטער זוכט באַלד אויס דאָס נויטיגע, שרייבט עס אָן און אין געצעהלטע מינוטען איז דער געפאָדערטער דאָקומענט פערטיג.

פון דעם וואס איך האָב אייך דערצעהלט, דאַרף מען דאָך זיין צופרידען; אַ קליינינקייט, אין גרעסטען שגעון פון יודען-האַס, נעמט מען גאָר צו יודישע בעאַמטע אין די קאָמונאַלע אינסטיטוציעס! איז אָבער די צרה, וואס די דאָזיגע יודישע בעאַמטע קומען אָב זייער צוואַנגס-אַרבייט, וואס זיי זענען מחויב לויט'ן געזעץ אָבצואַרבייטען, פאַר דעם, ווייל זיי זענען נישט געווען אין מיליטער-דינסט, און היות ווי זיי זענען אינטעליגענטע יונגע-לייט, האט מען זיי געגעבען אָבצואַרבייטען דעם טערמין אין די קאַנצעלאַריעס פון מאַגיסטראַט. אַזוי אַרום האט זיך געמאַכט, אַז אין טשענסטאָכאָווער מאַגיסטראַט זאָלען אַרבייטען אַ סך יודען...

זיי טהוען אַלץ נאָך אַ טובה...

דאכט זיך, אַז אַממעהרסטען ליידט פון היינטיגען אַנטיסעמיטישען סם די יודישע אינטעליגענץ, די אַזוי גערופענע האַלב-און גאַנץ-אסימילירטע, וועלכע האָבען פערלוירען דעם באָדען פון אונטער די פיס, ווייל פון יודען זענען זיי געלאָפען אוועק און פון די נישט-יודישע קרייזען שטויסט מען זיי אָב, פונדעסטוועגען, ווען זיי קומען צו אונז צוריק טהוען זיי אונז אַ טובה.

אַז זיי הויבען אָן צו קומען צו אונז איז אַ פאַקט. יענע וואָך האָב איך דערצעהלט, אַז אויף דער פאַרלעזונג פון לעאָ פינקעלשטיין זענען געקומען עטליכע יודישע אינטעליגענטען, וואס דאס איז אַ סימן, אַז זיי, די פערפרעמדטע הויבען זיך אָן צו אונז דער-

ביי די טויערן פון ירושלים מיט זיין לאַנגען מעסער ־ רייסען קריעה ביי יעדען יוּד, וואס בעווייזט זיך צום ערשטען מאָל אין ירושלים און בלויז דאס איז ער געווען אויסען צו טהון אויך מיט פראַנקלען...

דער דיכטער און פאָרשער, דער למדן און וועלט־רייזענדער יעקב הלוי ספיר, וועלכער האט ענטדעקט די פערבאָרגענישען פון תימן און האט זיך אזוי קונה שם געווען מיט זיין „אבן ספיר", האט פערלאָזענדיג אויף א קורצע צייט א"י אויסגעדריקט זיין שווער הארץ צוליעב'ן פערלאָזען דאס לאַנד: „כ"ח שנה מתקו לי רגבי שממות חורבות חננתי קודש עפרה, נשקתי טהרת אבנים, עד כי צוללתי בעפר תלאותי' קרני ואורי'. און קומענדיג צוריק אין לאַנד שרייבט ער צוו. אַנד. פאָלגענדע שורות:

„אין מלה בלשוני ובפי אין דברים להגידן רגשות נפשי והמית לבבי עת השתקפתי מרחוק על העיר הקטנה הזאת יפו וכעת עליתי על החוף בנשיקות עפרת קודש ורצות אבני טהר".

בעזונדערס אינטערעסאַנט זענען די בעשרייבונגען פון די פערזענליכקייטען, וואָס קומען אריין אין דער אָבטיילונג „חוקרים ראשונים".

וויפיעל בעוואונדערונג און שטוינען עס דאַרף ביי אונז ארויסרופען אַזאַ קריסטאַל־ריינע תמימות'דיגע פערזענליכקייט ווי ר' ישראל זאב הורביץ! הונגער און נויט האט ער געליטען און ווי זיין זוהן דערצעהלט האט מען ביי זיי אין שטוב א גאַנצע וואָך די פליטע נישט געהייצט אויף אָנצוואַרימען א ביסעל וואַסער. געגעסען האט מען בלויז צוויי מאָל א טאָג און דער פאָטער זיינער האט אַכט חדשים נאָכאַנאַנד זיך געשפּייזט בלוז מיט ליפּען (אַזאַ מין אַרבוּז).

הורוויץ האט נישט געקענט צוזעהען ווי די א"י־פאָרשונג ליגט אין די הענד פון קריסטליכע מלומדים, וועלכע זענען נישט בקי אין די אלטע יודישע מקורים און האבען כלל נישט קיין פּאָזיטיווע בעציהונג צו א"י. האט ער זיך טאקע פערנומען צו שרייבען א גרויס ווערק „ארץ־ישראל ושכנותי". — אַנ'ענציקלאָפּעדיע פון א"י, סיריען און האלב אינזעל סיני, אין וועלכער ס'קומען אריין אלע נעמען פון פעלקער, שבטים, ישובים און היסטאָרישע ערטער, וואס ווערען דערמאנט אין דער אַלטער יודישער ליטעראַטור.

און אָט איז א צווייטער חוקר — ר' יוסף שוואַרץ, וועלכער האט נישט קי־קענדיג אויף די מסוכנדיגע וועגען און דער כאָלעריע־עפּידעמיע זיך דאָך געלאָזט קיין א"י און האט כמעט ווי צו־פוס עולה געווען קיין ירושלים. ער האט געפּאָרשט יעדען באַרג און טאָל, יעדען שטיינדעלע און גרעזעלע, טויזענדער מאָל ארויף אויף הויכע בערג כדי פעסטצושטעלען געגוי די רגע פון עלות השחר און נץ־החמה, ער האט געשאַפען די ערשטע א"י־קאַרטע און זיין „תבואת הארץ" איז איבערזעצט געוואָרען אין ענגליש און פראַנצויזיש. און אָט איז דער בלינדער ר' אברהם לונץ, וועלכער האט אַזעלכע ריזיגע פערדינסטען אויפ'ן געביט פון דער א"י־פאָרשונג – בלינדערהייט איז ער געווען א מורה דרך פאַר נייע עולים און נישט געווען קיין שטיינדעלע אין היילינגען לאַנד, וואס זיין געשיכטע איז איהם געווען אומבעקאַנט.

אַ בעזונדער קאַפּיטעל שטעלען מיט זיך פאַר די „מדפיסים ראשונים". די ערשטע רבנים חובבי ציון און די ערשטע רעדאַקטאָרען, אָבער וועגען זיי וועט אפשר אויסקומען צו דערצעהלען ביי אַנ'אַנדער געלעגענהייט.

(ר. ה.) י אלימלך

זיי האבען זיך געטיילט מיט דער ירושה...

(אנשטאט א מצבה אויפ'ן קבר פון א גרויסער פארטיי)

צווישען די פּאָליטישע ארבייטער־פּאַרטייען אויף דער יודישער גאַס האט פערנומען א חשוב'ן אָרט די פּאַרטיי ס. ס., וועלכע איז ענטשטאַנען צום סוף פון 1904 און געהאט אָרגאַניזאַציעס אין אַלע שטעדט פון פוילען, רוסלאַנד און ליטע, איינע פון די גרעסטע אָרגאַניזאַציעס אָבער איז געווען די טשענסטאכאווער, וועלכע האט דאמאלס געהאט עטליכע טויזענד מיטגלידער.

און נישט בלויז ארבייטער האט די אָרגאַניזאַציע ערמאָגט, נאָר אויך א גרויסע צאהל אינטעליגענץ; א גאַנצע רייהע היינטיגע אָנגעזעהענע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען האבען געהערט צו דער דאָזיגער טשענסטאכאווער אָרגאַניזאַציע פון ס. ס.

עס זענען אויך געווען אנדערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס ביי אונז אין שטאָדט, ווי, למשל, ס. ד. ק. פּ. ל., „פּועלי ציון", „בונד" — די שטאַרקסטע און די גרעסטע איז אָבער געווען די ס. ס.

אין די יאהרען 13—14, ווען די רוּסישע רעאַקציע האט דערשטיקט די גאַנצע רוסישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג און איבערהויפּט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר ברוטאַליטעט און רשעות אין פוילען, אפילו דאמאלס האט נאָך די טשענסטאכאווער אָרגאַניזאַציע פון ס. ס. געפיהרט א טעטיגקייט. ס'דערמאָנט זיך, ווען אין 1914 איז געקומען פון קיעוו דער חבר משה ליטוואקאוו און צונויפגערופען א גרופּע האבען זיך נאָך דאמאלס צוגעשטעלט עטליכע פופציג חברים פון די אקטיווע טהוער.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האט די טשענסטאכאווער אָרגאַניזאַציע פון ס. ס. אָנגעהויבען אַנ'אַקטיווע טעטיגקייט און אין א קורצער צייט האט זי פערנומען דעם אויבען־אָן און געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין פּאָליטישען לעבען, אזוי איז אין 1916, ווען ס'זענען פאָרגעקומען די וואַהלען צום שטאָדט־ראַט לויט קוריעס, האט זי אריינגעפיהרט בלויז אין דער 6 טער קוריע דריי ראטמענער אויף דער אלגעמיינער צאהל פון 6.

די זעלבע אָרגאַניזאַציע האט אויך אקטיוו געאַרבייט ביים ענטוואָפּענען די דייטשע אָקופּאַנטען אין 1918־טען יאהר און פון דאמאלס אָן האט זי אָנגעהויבען צו פיהרען א לעגאַלע אַרבייט און געשאַפען א גאַנצע רייהע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, קינדערהיימען און פאָלקס־שולען, ביליגע קוּכען, קאָאָפּעראַטיווען, ביבליאָטעקען און בכלל געפיהרט א פערצווייגטע ארבייט אויף אלע געביעטען פון יודישען ארבייטער־לעבען ביי אונז אין שטאָדט.

מיט'ן אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען די ס. ס. און סיימאָווצעס האבען זיך פעראייניגט אין איין פארטיי אונטער'ן נאָמען „פעראייניגטע", האט אויך די טשענסטאכאווער אָרגאַניזאַציע זיך משנה השם געווען און געאַרבייט ווייטער. ערשט שפּעטער, ווען אין רוסלאַנד איז צוליב דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע די פּאַרטיי „פעראייניגטע" ליקווידירט געוואָרען, האט זיך דא אויך אין פוילען אָנגעהויבען קרישלען. א סך פיהרער זענען אַוועק צום „בונד" און צו די „רויטע", אויף דער טשענסטאכאווער אָרגאַניזאַציע אָבער האָט דאָס געהאט א קנאַפּע ווירקונג. אמת, אויך דא אין טשענסטאכאוו, זענען איינצעלנע טהוער אַוועק, די אָרגאַניזאַציע אָבער איז געבליבען פעסט און שטאַרק און זיך ווייטער געפיהרט די ארבייט. און אפילו אין 23־טען יאהר, ווען די פּאַרטיי „פעראייניגטע" איז אין פוילען אינגאַנצען ליקווידירט געוואָרען און דער פיהרער פון דער פאַרטיי ד"ר יוסף קרוק האט זיך פעראייניגט מיט'ן ד"ר דראַבנער און געגרינדעט די אזוי־גערופענע „אומאָבהענגיגע", האט זיך אויך די טשענסטאכאווער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען אונטער דער פערזענליכער השפּעה פון זייער געליבטען חבר ד"ר קרוק, וועלכער איז אליין א טשענסטאכאווער א געבוירענער, זיך אויך אָנגעשלאָסען אין די „אומאָבהענגיגע" און אויך אונטער דער דאָזיגער פירמע האבען די טשענסטאכאווער חברים נאָך געאַרבייט א געוויסע צייט, דאס לעבען איז אָבער שטאַרקער פון פערזענליכע סענטימענטען און היות ווי די „אומאָבהענגיקע" האבען נישט געהאט קיין יניקה פון א צענטראַלע, האט זי כסדר וועגעטירט.

אין קיין איין שטאָדט פון פוילען איז שוין לאַנג נישט געווען קיין צייכען פון די אַמאָליגע ס. ס. „פעראייניגטע", „אומאָבהענגיקע", אין טשענסטאכאוו אָבער זענען נאָך געווען עטליכע פערביסענע עקשנים, וועלכע האבען צוליב טראַדיציע אָדער צוליעב פערזענליכע סימפּאַטיעס צום ד"ר קרוק נישט אויפגעגעבען זייער אָרגאַניזאַציע. עס איז שוין טאקי אלעס פערשוואונדען, נישט געווען שוין קיין השפּעה אויף פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, עס איז שוין נישט געווען אפילו קיין מעגליכקייט אויסצוהאלטען קיין בעשיידענעם לאָקאַל – אונטערגעבען אָבער האבען זיי זיך נישט געוואָלט.

ענדליך אין אנהויב 1938 איז די פאַרטיי אינגאַנצען ליקווידירט געוואָרען. פאַר עטליכע טעג צוריק איז טאקי פאָרגעקומען די פאַקטישע ליקווידאַציע. ד"ר יוסף קרוק מיט עטליסע אלטע וועטעראַנען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אויך דער שוואַרצער לייביש און חבר יעקב יצחק, וועלכע שטעהען ביי דער ארבייט פון דער אָרגאַניזאַציע פון איהר ערשטען בעגינען, זענען אוועק צו די רעכטע פּועלי־ציון און די איבריגע וועלען מסתמא אוועק צום „בונד" אָדער זיי וועלען ווערען אינגאַנצען אַפּאָליטיש.

קיין גרויסע ירושה האט די אמאליגע גביר'טע, וועלכע האט געהאט אַכאָל זעהר א גרויס פערמעגען, נישט איבערגעלאָזט, ווייל דורך די לאנגע יאהרען האט זי פערקרענקט אלץ און ס'איז נישטאָ מיט וואס זיך צו טיילען. פאָרט אָבער איז עס א ירושה: עס זענען פערהאַנען טייערע זכרונות, הערליכע הערויִשע אויפטהוען, וואס וועלען פערבלייבען טיעף אין דער נשמה אלס א ליכטיג אנדענקען פון די גאָלדענע חלומות, וואס זענען געווען פערבינדען מיט'ן ערשטען יוגענד־ברען, מיט'ן פייערדיגען טעמפּעראַמענט פון שטורם־און דראַנג־פּעריאָד, וואס איז אזוי טייער און ליעב.

דער שרייבער פון די שורות, וועלכער האט גאַנצע 18 יאהר פון 1906 ביז 1924 י.—אָבגעגעבען זיין גאַנצע ענערגיע און ארבייט דער דאָזיגער פאַרטיי, האט געהאַלטען פאַר זיין חוב ביים קבר פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע איהר צו ווידמען אַ פּאָר וואָרימע ווערטער, ווייל וואס פאַרע בעציהונג מען זאָל צו איהר נישט האבען איז זי דאָך געווען די מאַמע, וועלכע האט אונז אויפגעהאָדעוועט און א דאנק איהר האט אונזער לעבען געהאט א זין. איצט, ווען זי איז געשטאָרבען פון סוכאָטעס, נאָגט אין האַרצען א טיעפער וועהטאג, עפּעס אַזעלכעס, וואס מען קאָן עס מיט'ן וואָרט נישט אויסדריקען, אין האַרצען אָבער בלייבט און וועט שטענדיג בלייבען דער אנדענקען פון דער אמאליגער לאַנג פערגאַנגענער צייט, ווען די דאָזיגע פּאַרטיי האט געוואָרעמט און בעוועגט אונזער טעמפּעראַמענט צו גרויסע הערויִשע מעשים פאַר א שענערע ליכטיגע וועלט.

זאָלען די דאָזיגע ווערטער דיענען אנשטאט א מצבה אויפ'ן קבר פון א געוועזענער גרויסער פּאַרטיי, וואס איז אַמאָל געווען פאַר א סך ליעב און טייער.

ש. פראַנק

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאַסעלעוויטשאַ 11
פיליע: אַלעע 16
קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויער־האַפטען שפּיגעל־גלאַנץ.
ספּעציאַליטעט:
1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
4) כעמיש־רייניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושען.

נעהנטערן. און אָט קאָן איך צוגעבן, אַז אויפ'ן וואָרט־קאָנצערט פון רחל האָלצער איז שוין געקומען א ביסעל מעהר אינטעליגענץ און זאָגאר אַזעלכע, וועלכע זענען נאָך יעדענפאלס דאָ אין טשענסטאָכאָוו אויף קיין איין יודישע אימפּרעזע נישט געווען.

אמת, די איניציאַטאָרען האבען לכבוד די נייע געסט בעשטעלט ביי רחל האָלצער אויך עטליכע רעציטאַציע־נומערן אין דער פוילישער שפּראַך (לויט מיר הייסט עס א ציקאַרל דעם קינד, אַז עס זאָל געהן אין חדר אריין...), אָבער ס'מאַכט נישט; אויב דאס זאָל זיין דאָס מיטעל די חברה צוריק צו געווינען פאַר אונז, איז עס אויך כשר...

די מעשה איז אָבער, וואס די דאָזיגע צוריקגעקומענע אינטעליגענץ האַלט נאָך אלץ די נאָז פעררייסען און וויל בעווייזען לפנים, אַז די יודישע שפּראַך איז פאַר זיי פרעמד, עפּיס א שטיק עקזאָטיק און אַז עס קאָסט זיי ממש געזונד, אויב זיי הערען זיך צו ווי מען רעציטירט אָדער דעקלאַמירט אין דער יודישער שפּראַך.

און אָט האט מען געקענט זעהען אזא כאַראַקטעריסטישען ממעש קוריאָזען פאַקט: בעת דער פויזע פרעגט א מאן דער פרוי הויך אויפ'ן קול: „פּאַווידז נאָ קאָכאַניע (אין טעאַטער, ווען מענשען הערען, איז זי ביי איהם געוואָרען א קאָכאַניע...), זראָזומיאַלאַש כאָטשאַש צאָש"? דערויף האט זי געענטפערט: „צאָשקאָלוויעק, אַלע מניע באַרדזאָ טרודנאָ". איך ווייס אפילו, אַז זי האט אלץ פערשטאַנען, ווייל די זעלבע מאַדאַם האט אין דערהיים געהערט איהר טאַטע־מאַמע רעדען בלויז יודיש נאָר גאָרנישט, או מען איז אינטעליגענט, מוז מען מאַכען דעם אָנשטעל, אַז יודיש איז פאַר אַזאַ איינער פרעמד.

עך, יודישע אינטעליגענטען, שוין צייט, אַז איהר זאָלט זיך שטעלען מיט ביידע פיס אין יודישען לעבען און נישט טהוען מיט אייער קומען צו אונז קיינעם קיין טובות....

צוריק צו דער נאַטור

דאס יודישע פאָלק אין זיין אוראַלטע צייטען האט זיך בעשעפטיגט מיט ערד־ארבייט און מיט פיה־צוכט. ערשט ווען מיר זענען אָבגעריסען און פערטריבען געוואָרען פון אונזער היימלאַנד, האבען אונזערע בעצוואונגער אונז, נישט מעהר ערלויבט זיך צו פערנעמען מיט דער ערד, נאָר אונז געשטיפּט אין די אָרעמס פון האַנדעל־וואַנדעל און אנדערע לופט־פרנסות.

א סך שפּעטער אפילו האבען די פערשידענע רעגירונגען, וועלכע האבען געהאט א דעה איבער אונזער לעבען און פערמעגען, אונז געצווינגען זיך צו פערנעמען נאָר מיט בעשטימטע בעשעפטיגונגען, אָבער אין קיין פאַל נישט מיט ערד־ארבייט, וואס איז אַמאָל געווען אונזער איינציגע בעשעפטיגונג.

אין משך פון יאהר־הונדערטער האבען מיר זיך טאקי אָבגעריסען פון דער נאַטור, צו וועלכער מיר זענען געווען צוגעבינדען און זיך געמוזט אריינפּאַסען אין אנדערע צווייגען פון פרנסות, וועלכע זענען אונז נישט געווען ליעב. מיר האבען אָדער נישט געהאט קיין אנדערע ברירה.

אונזערע שכנים זעהענדיג, אַז אויך צו די נייע צווייגען פון פרנסות האבען זיך יודען צוגעוואוינט און ווייזען זאָגאר ארויס חריפות, האבען אָנגעהויבען אונז צו זידלען, מאַכענדיג אונז צו שאַנד און שפּאָט, אַז מיר זענען פּאַראַזיטען, שאַכער־מאַכער, אַז מיר האבען נישט קיין זין פאַר פּראָדוקטיווער ארבייט אזוי. מיר האבען פּרובירט צו ענטפערען, אַז צו די דאָזיגע פרנסות האבען זיי אליין אונז געשטיפּט דורך געזעצען און גזירות, אָבער אונזער שטים איז פערטויבט געוואָרען דורך פּאָגראָמען און אין בעסטען פאַל דורך חוזק און אָבשפּעטעריי.

נישט קוקענדיג דערויף, וואס כמעט צוויי טויזענד יאהר איז אדורך זינט מען האט אונז מיט געוואַלד אָבגעריסען פון דער ערד, האט אָבער טיעף אין דער פאָלקס־נשמה געטליעט א בענקשאַפט צו דער נאַטור, און ווען ס'איז נאָר מעגליך געווען, האבען זיך יודישע משפחות זיך איבערגעוואָרפען צו ערד־ארבייט ווי דאס איז געווען, למשל, אין אַמאָליגען רוסלאַנד. ווער שמועסט, אין ארץ ישראל בעווייזען דאָך די חלוצים וואונדער איבער וואונדער, אויך געפינען זיך א סך יודישע קאָלאָניעס אין ארגענטינא און אין אנדערע לענדער, וואו יודען האבען די מעגליכקייט זיך צו פערנעמען מיט ערד־ארבייט.

די געזעלשאַפט יק"א קאָן וועגען דעם א סך דערצעהלען. און אָט איז לויט דער איניציאַטיוו פון יק"א געווען דא ביי אונז אין שטאָדט דער אינסטרוקטאָר אינזש. סוראָוויטש, וועלכער האט ווערבירט בלויז אין אונזער פּאָוויאַט 11 יודישע יונגעלייט, פון זיי 5 פון טשענסטאכאוו גופא און זיי אוועקגעשיקט על החשבון יק"א אויף יודישע לאַנדווירטשאַפטען אין ווילנער און ביאַליסטאָקער געגענדען, כדי זיך אויסצולערנען די ערד־מלאכה און שפּעטער זיך קאָנען מיט איהר פערנעמען.

באַלד ווי עס איז בעוואוסט געוואָרען אין גאַס, אַז מען ווערבירט יודישע יונגע לייט צו ערד־מלאכה, האבען זיך געוואָנדען גאַנצע מאַסען. ווען מען האט נאָר אויסגעוועהלט 11, וואס איז געווען אָנגעצייכענט לויט'ן פּראָגראַם פון יק"א, האבען זיי די איבריגע, וועלכע האבען נישט די זכייה געהאט זוכה בגורל צו זיין שטאַרק מקנא געווען.

מיט פרייד אין האַרצען זענען די יודישע יונגעלייט אָבגעפאָהרען אויף די לאַנדווירטשאַפטען, כדי זיך צו בעהעפטען מיט דער ערד, ווערען פּויערים, אזוי ווי עס זענען געווען זייערע אור זיידעס אין ארץ־ישראל, ווייל פאַקטיש ליגט אין דער נשמה פון פאָלק, אין בלוט פון פאָלק ישראל, א גרויסע ליבשאַפט, א שטאַרקע בענקעניש צו דער נאַטור.

א בלבול

אויף א פערזאַמלונג פון כלל־טהוער, וועלכע איז פאָרגעקומען מיט צוויי וואָכען צוריק וועגען דער ווינטער־הילפס־אקציע, האט מען געוואָרפען ווערטער אויפ'ן חשבון פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג, באשר יודען געבען נישט קיין געלד אויף דער דאָזיגער אקציע.

איך האַלט, אַז דאָס איז א בלבול, ווייל ווער־ווער, נאָר דער יודישער סוחר גיט שטענדיג אויף אַזעלכע צוועקען איבער'ן יכולת און אויב ער גיט שוין טאַקי נישט, איז עס דערפאַר ווייל ער האט נישט, מען שטעלט איהם ארום מיט אַנ'אייזערנער מויער, מען לאָזט איהם נישט פערדינען, טאַ פון וואַנען זאָל ער קאָנען געבען און פונדעסטוועגען גיבען יודען אלץ נאָכמעהר ווי אַנדערע.

דעם לעצטען זונטאג איז פאָרגעקומען א גאַסען־זאַמלונג פאַר דער ווינטער הילף אַקציע. עס איז פונקט געווען א שענער זוניגער טאג און אויף די גאַסען האבען זיך געפונען טויזענדער מענשען—קריסטען און יודען. האָב איך ספּעציעל אָבסערווירט און נעזעהן, אַז כמעט קיין איין יוד האט זיך נישט ארויסגעדרעהט פון אזא אָבצייכענונג, דאַגעגען האבען נישט־יודען און צווישען זיי אַזעלכע, וואס האבען יאָ געקאָנט געבען, זיך יאָ ארויסגעדרעהט פון קויפען אַנ'אָבצייכענונג.

איך בין נישט אויסען צו בעשולדיגען די נישט־יודען, אַז זיי ווילען נישט געבען אויף דער ווינטער־הילף־אקציע, כאָטש איך ערקלער קאַטעגאָריש, אַז א סך, האבען אויסגעמיטען צו געבען, אויף וואס עס קאָנען אַמבעסטען עדות זאָגען די זאַמלער גופא. דאַגעגען האט זיך קיין איין יוד נישט ארויסגעדרעהט און אלע ווי איינער, חסידים און דאַטשען, יונג און אלט, מענער און פרויען, אלע, אַלע האבען געגעבען פאַר דער אקציע.

קומען דעריבער און זאָגען, אַז יודען ווילען נישט געבען אויף דער ווינטער־אקציע איז נישט מעהר ווי א בלבול.

לויתן

אויף א פאלשען אדרעס

עס איז דערהויבען געווארען די פראגע, אוודאי זעהר א וויכטיגע און אנגעווייטאגטע, די פראגע פון די דעקלאסירטע עלעמענטען, וואס זענען סיי צוליב די ווירטשאפטליכע בעדינגונגען, סיי צוליב'ן באיקאט פעראַימט געווארען טאקע אינגאנצען אבגעשוואנקט געווארען פון דעם ווירטשאפטליכען אויבערפלאך. אוודאי איז פאר זיי דער דיסקאנטא-קרעדיט נישט קיין פאסיגע פארם, ווייל זיי האבען נישט קיין וועקסלען, אבער און אויב די פאלקס-בענק „אפעריען דער עיקר מיט די זיי אנפערטרויטע וועקלאדען" און אפילו מיט די בעקומענע קרעדיטען, וועלכע זיי דארפען דאך שטענדיג קענען אבגעבען, דארף מען פערשטעהן, אז די פאלקס בענק קאנען נישט זיין דער ארגאן, וואס זאל דאס בעריהרטע פראבלעם לעזען. דער שווערפונקט פון דעם פראבלעם ליגט גאר אויף אנ'אנדער פלאך. וויפיל סינט איז שוין אויסגעגאסען געווארען וועגען דער אזוי גערופענער קאנסטרוקטיווער הילף, וועגען איבערשיכטונג און דגל., וויפיל „ווירטשאפטליכע קאמיטעטען" זענען שוין געשאפען געווארען און אונטערגעגאנגען—קיין קאנקרעטען אינהאלט האט נאך ביז היינט קיינער אין דעם ווארט נישט אריינגעלייגט. אמת, דאס איז א שווער פראבלעם, בעזונדערס ווען מען נעמט אין אכט דעם אינטעלעקטועלען מצב פון די אזוי גערופענע „דעקלאסירטע" עלעמענטען, אבער יעדענפאלס צו דער נארמאלער קרעדיט-טעטיגקייט פון די פאלקס בענק האט דאס פראבלעם קיין שייכות נישט.

די יודישע פאלקס בענק קאנען, לויט דעם כאראקטער פון זייערע אומזאץ-מיטלען ערפילען אין דעם ווירטשאפטליכען לעבען נאר די פונקציע פון מעגליך ביליגער קרעדיטירונג פון די עקזיסטירענדע לעבעדיגע ארגאניזמען. דערביי דארפען זיי זארגען, אז די דאזיגע זעהר וויכטיגע אויפגאבע זאל נישט פאראליזירט ווערען דורך א צו גרויסער צאהל פראטעסטירטע וועקסלען, וואס קאן פערגליווערן די אומזאץ מיטלען. אנשטאט נוציגער ארבייט, וואלט אזא קורצזיכטיגע קרעדיט פאליטיק נאר פערגרעסערט די צאהל דעקלאסירטע עלעמענטען, ווייל ביי אזא פאליטיק וואלט די פאלקס באנק זיך געמוזט איינברעכען. אוודאי איז פאר יעדען קרעמער און בעל מלאכה וויכטיג צו בעקומען דעם קרעדיט פאר וואס ביליגערע צינזען און אויף וואס בעסערע בעדינגונגען. נישט ווייניגער וויכטיג איז אפער פאר איהם אויך די זארג פאר'ן קיום פון זיין פאלקס באנק. און מיר האבען שוין נישט איינמאל אנגעוויזען, אז דער קיום פון די פאלקס-בענק איז אין דער ערשטער רייהע אבהענגיג פון דעם, צי זיי פיהרען א געזונדע, גוט דורכגעטראכטע און פארזיכטיגע קרעדיט-פאליטיק. צי דארפען מיר, די קליינהענדלער און האנדווערקער ארגאניזאציעס דערמאנען וויפיעל פאלקס קאפיטאלען זענען פערטאכלעוועט געווארען צוליב דער פאלשער קרעדיט פאליטיק אין די קליינהענדלער-בענק און אין די האנדווערקער-בענק אין ווארשא, ביאליסטאק, לובלין, ראדאם, קעלץ און אנדערע שטעדט? די אנגערופענע ביישפילען האבען צופיעל געקאסט טאקע די קליינהענדלער און בעלי-מלאכות מען זאל איצט אויפסניי אנהויבען אזעלכע עקספערימענטען.

דערמיט האבען מור שוין אייגענטליך פערענטפערט, פארוואס די פאלקס-בענק מוזען פערלאנגען גוטע זשירעס און אמת'ע קונדישע וועקסלען, אויב זיי ווילען אליין נישט ווערען גלייך מיט „דעקלאסירטע".

צי זענען די קרעדיטען, וואס די פאלקס בענק ערטיילען, גענוגענד פאר די ווירטשאפטליכע בעדערפענישען פון די מיטגלידער? מיר, די קאאפעראטיווע טהוער, זענען ווייט דערפון מיר זאלען בעהויפטען, אז די יודישע פאלקס-בענק קאנען ביים היינטיגען טאג זיין דער איינציגער און גענוגענדער מקור פון קרעדיט פאר דער קליינער און מיטעלער יודישער ווירטשאפט, הגם 200 מיליאן זלאטעס קרעדיטען, ערטיילטע אין יאהר 1936 אין אלע פאראייניגטע דורך אלע פאלקס-בענק און סוחרים בענק פון אונזער פערבאנד, מוזען שפילען אנ'אנגעזעהענע ראלע אין דער יודישער ווירטשאפט. זיכער קאנען אונזערע בענק נישט בעפרידיגען די גאנצע קרעדיט-בעדערפעניש און קרעדיט פעהיגקייט פון די גרעסערע סוחרים און אינדוסטריעלער, אבער פאר'ן קליינעם קרעמער און בעל מלאכה האבען די דאזיגע פאלקס-בענק גענוג אומזאץ-מיטלען. און אויב זיי גיבען נישט אזוי פיעל וויפיעל דער מיטגליד פערלאנגט, איז עס נאר א בעוויז פון גענוגענדער פארזיכטיגקייט און געזונטער ווירטשאפט.

די קרעדיט פראבלעמען פון די יודישע פאלקס בענק, און די פראגע פון די עלעמענטען, וואס קאנען שוין נישט זיין קיין קליענטען פון די פאלקס-בענק, ווייל זיי פיהרען שוין נישט קיין זעלבסטשטענדיגע ווירטשאפט, די דאזיגע צוויי פראגען טאר מען נישט צונויפמישען. דער ענין דעקלאסירטע עלעמענטען איז א וויכטיג און אנגעווייטאגט פראבלעם פון יודישען לעבען, אדער ארויפווארפען דאס פראבלעם אויף די נאך די גענוג שוואכע פלייצעס פון די פאלקס בענק איז צוועקלאז און הייסט פערטרוישען די יוצרות.

א. שמויש

פונ'ם יודאאיסטיען צענטער.

מארגען, שבת פונקטליך 3.30 א זייגער נאכמ. קומט פאר א מסבת עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון ה' פראפ. ב. וויינבערג א. ד. ט.: „פרעה, עמלך און המן אמאל און היינט".

פראיעקט צו בויען א שפיטאל פאר גייסטיג-קראנקע אין טשענסטאכאו

די שטאדט-פערוואלטונג האלט אויס זעהר פיעל גייסטיג-קראנקע אין פערשידענע פסיכיאטרישע אנשטאלטען אין פוילען. זעלבסטפערשטענדליך, אז די שטאדט-פערוואלטונג איז געצוואונגען צו דעקען די אויסהאלטונגס-און היילקאסטען, וואס עס בעלאסטעט זעהר שטארק דעם שטאדטישען בודזשעט. די שטאדט-טאטעס טראכטען דעריבער, אז ס'וואלט געווען מיעל פראקטישער אויפצובויען אנ'אייגען שפיטאל פאר גייסטיג-קראנקע. די בוי-קאסטען וואלטען וואס אנ'אמת געווען זעהר גרויסע, אבער אין רעזולטאט וואלט דער שטאדטישער בודזשעט ענטלאסטעט געווארען. אויסער דעם וואלט עס געגעבען א גרעסערע צאהל קראנקע צו געניסען פון דעם דאזיגען היילאנשטאלט.

אלס ארט אויפ'ן דאזיגען שפיטאל ווערט אנגערופען די אזוי-גערופענע „פארקיסקע", א געגענד הינטער דער יאסנא-גורא. זעלבסטפערשטענדליך, אז דאס איז פארלויפיג בלויז א פראיעקט.

די אקציע פאר'ן הונגעריגען קינד אין טשענסטאכאו האט זיך אנגעהויבען

א רייהע טשענסטאכאווער נדבנים האבען זיך שוין אנגערופען מיט זייער צושטייער צו דער דאזיגער זעהר וויכטיגער אקציע.

די פערוואלטונג פון טשענסטאכאווער „טאז" וועט אויפפאדערן אינדיווידועל אלע, וואס דארפען זיך בעשטייערען צו דעם צוועק און האפט, אז קיינער וועט זיך נישט אבזאגען.

דעקלאראציעס און נדבות נעמען אן: 1) אלע יודישע באנק - אינסטיטוציעס, 2) אלע יודישע רעדאקציעס, 3) קאנצעלאריע פון „טאז", ב. יאסעלעוויטש 3, טעלעפאן 17.56.

פון הצה"ר.

שבת, דעם 12 ד.ח. וועט ווילען אין טשענסטאכאו דער נציב פון פוילישען ביתר אהרון פראפעס און דער א"י-דעלעגאט צום ערשטען נ.צ.א.-קאנווענט אין פראג פסח פייוועל.

פונקטליך 3 א זייגער נאכמיטאג וועט פארקומען א מסדר פון בית"ר. 4.30 א פארלעזונג פון ברית-החייל אין לאקאל פון בית"ר. 8.30 אוונד איין כוס-טה מיט דער בעטייליגונג פון די אויבענדערמאנטע געסט אין לאקאל פון בית"ר. אלעע 40. אלע ווערען געבעטען צוהקומען פונקטליך.

א תרומפלדור-אקאדעמיע.

זונטאג דעם 13 ד. ח. קומט פאר א טרויער אקאדעמיע געווידמעט דער 18-טער יאהרצייט פון יוסף תרומפלדור איינגעארדענט דורכ'ן ארטיגען בית"ר אין זאל פון י. מ. ס. א. „מכבי", קאטעדראלנע 13, אין וועלכער עס נעמען אנטייל די חשובע געסט: דער נציב פון פוילישען בית"ר א. פראפעס און דער א"י-דעלעגאט פ. פייוועל. אויף דער אקאדעמיע וועט אויך זיין אנוועזענד דער היגער דורך אלעמען בעליבטער חזן פינקעלשטיין, וועלכער וועט מהנה זיין דעם עולם מיט איינינע לידער.

פון „תרבות"

לעצטענס האט בעזוכט אונזער שטאדט ח' א. צ. בוקסער, פארשטעהער פון מרכז פון „תרבות". ער האט בעוויזען צו רעארגאניזירען ווי געהעריג דעם היגען סניף. דער סניף טרעט צו צו א ברייט פערצווייגטער העברעאישער טעטיגקייט אין אונזער שטאדט, ווי: שאפען א העברעאישען פאלקס - אוניווערזיטעט, איינארדנען אוונד-קורסען, גרינדען ספעציעלע תוגים פאר השתלמות עצמית אין דער העברעאישער שפראך און ליטעראטור.

איינשטימיג איז אנגענומען געווארען א בעשלוס צו פראקלאמירען אין אונזער שטאדט אנ'אקציע פאר די „תרבות"-שולען אין פוילען, אונטער דער לייטונג פון משה זאנדשטיין, וויצע פרעזעס פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

זונטאג, דעם 12 ד. ח. קומט פאר אין לאקאל פון דער ציונ. ארג. א רעפעראט פון ח' א. צ. בוקסער פון ווארשא א. ד. ט. „דאס העברעאישע שול וועזען אין פוילען".

דער דאזיגער רעפעראט האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג צווישען די העברעאיסטען פון אונזער שטאדט און עס איז צו האפען, אז ער וועט צאהלרייך בעזוכט ווערען.

פאר'ן אבפאהרען קיין

אויסטראליע, אפריקע

אדער אנדערע לענדער פון יענער זייט ים דארף מען זיך ווענדען נאך א שיפס - קארטע צו

Wagons-Lits//Cook

Warszawa, Krak. przedmieście 42

פון סניף „תורה ועבודה"

מוצש"ק פ' ויקרא, דעם 12.3 א זייגער 8.30 קומט פאר א רעפעראט דורך מאג. קליינבערג א. ד. ט. „דער אנטיסעמיטיזם אין ליכט פון וויסענשאפט".

חברים און סימפאטיקער ווערען געבעטען צו קומען פונקטליך.

פון „מזרחי"

שבת פרשת ויקרא 3 נאכמ. קומט פאר א רעפעראט פון מיטגליד פון צ. ק. מזרחי הח' שמואל יוסף אש א. ד. ט.: „די אויפגאבע פון רעליגיעזען יודענטום אין איצטיגען מאמענט".

חברים און סימפאטיקער ווערען געבעטען צו קומען פונקטליך.

Rzecznik Patentowy
Dr. Inż. M. Kaufmann
Katowice, Mielęckiego 10.
Telefon 315-00.
Patenty na wynalazki, wzory, znaki towarowe i porady w zakresie ochrony przemysłowej.

א פלויט צוגעקוועטשט א פאמעראנצען-הענדלערין

נעכטען ארום 10 א זייגער אין דער פריה האט דער שטארקער שטורם ווינד אומגעדרעהט א הויכען פלויט ביים ניי-בויענדען זיך הויז פון די קריסטליכע האנדווערקער אויף אלעע קאשטשושקי, נעבען באנק-לודאווי. דער אומפאלענדער פלויט האט צוגעקוועטשט א דורכגעהענדע יודישע הענדלערין, וואס האט געטראגען א קויש פאמעראנצען. די אומגליקליכע פרוי איז שטארק צוקלאפט געווארען און געמוזט אנקומען נאך מעדיצינישע הילף אין שפיטאל אריין.

אויפרוף!

זייט פינף און צוואנציג יאהר עקזיסטירט אין אונזער שטאדט דער סוחרים און פאבריקאנטען פעראיין, וועלכער שטעהט אויף דער וואך פון די אינטערעסען פון יודישען סוחר און פאבריקאנט.

דורך דער צייט האבען די היגע פאבריקאנטען און סוחרים, צוואמען מיט דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג דורכגעלעבט פערשידענע שווערע צייטען און ערשיטערונגען. אבער דער פעראיין איז תמיד געשטאנען אויף דער וואך און אין די קריטישע מאמענטען נאך מיט מעהר אייפער און איבערגעבענהייט ערפולט זיינע פליכטען.

צום בעדויערען בעמערקט זיך אבער לעצטענס אין די סוחרים און פאבריקאנטען רייהען א גרויסע גלייכגילטיגקייט און דאס קומט לייד'ער פאר אין אזא צייט ווען פעראייניגונג און צוזאמענארבייט איז אמשטארקסטען נויטיג.

יודישער פאבריקאנט, יודישער סוחר! צי גיסטו דיר נישט אב קיין דין וחשבון צו וואס אזא גלייכגילטיגקייט קען ברענגען? צי גיסטו דיר נישט אב קיין רעכנונג, אז איצט אין דער צייט פון דער גרעסטער פערפאלגונג, ווען די סכנה פון עקסטערמינאציע לויערט אויף דיר איז דיין גלייכגילטיגקייט א פערברעך לגבי דיר גופא?!

שוין לאנג איז די לאגע פון יודישען סוחר נישט געווען אזוי פערצווייפעלט און אזוי בעדראהט ווי איצט. גרויסע גוט ארגאניזירטע כחות שטרעבען מיט אלע מעגליכקייטען ארויסצושטויסען דעם יודישען סוחר פון זיינע פאזיציעס. דער יודישער סוחר איז געווארען דער ציעל פון אלע ווילדע העצערייען און איבער'ן קאפ פון יודישען סוחר שוועבט די סכנה פון רואין און די געפאהר צו פערלירען זיינע עקזיסטענץ מעגליכקייטען.

אין דער שווערער און ביטערער צייט ליגט אויף דעם יודישען סוחר און פאבריקאנט דער חוב זיך אנצושליסען אין אונזער פעראיין, כדי צו שאפען א שטארקע און מעכטיגע ארגאניזאציע, ווייל נור מיט געמיינזאמע כחות אלס שטארק ארגאניזירטע קערפערשאפט וועט אונז מעגליך זיין צו פיהרען אונזער אבוועהר-קאמף, ווייל נור אלס צוזאמענגעבינדענע און שטארקע ארגאניזאציע וועלען מיר פעהיג זיין צו פיהרען דעם פערטיידיגונגס-קאמף געגען די אלע געפאהרען, וועלכע לויערן אויף דעם יודישען סוחר.

צו די ביזיעצטיגע לייסטונגען פון אונזער ארגאניזאציע געהער די „סוחרים און פאבריקאנטען באנק", וואס איז גצווארען דער נערוו פון היגען סוחר'טום. יעצט, צוגעפאסט צו דער צייט און וויכטיג פאר'ן סוחר'טום, טרעט צו דער פעראיין צו שאפען קורסען פאר סוחרים, לעקציעס פאר אנפענגער, א האנדעלס-שולע אזוי.

מיר רופען דעריבער אייך יודישע סוחרים! פערנאכלעסיגט נישט אייערע אייגענע בעדראהטע אינטערעסען! געדענקט, אז נור מיט בשותפות'דיגע כוחות און צוזאמענארבייט אין א שטארקער גוט דיסציפלינירטער ארגאניזאציע, וועלען מיר אומשטאנד זיין מיט ערפאלג אנצופיהרען אונזער אבוועהר-קאמף, דעם קאמף פאר אונזער עקזיסטענץ, פאר'ן דערהאלטען אונזערע פאזיציעס, וועלכע דער יודישער סוחר האט אויפגעבויט אין פערלויף פון הונדערטער יאהרען.

טשענסטאכאוו, מערץ 1938.

סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין אין טשענסטאכאוו.

צום גאסט-אויפטריט פון יוסף קאמען אין טשענסטאכאוו

צום גאסט-אויפטריט פון יוסף קאמען ביי אונז אין טשענסטאכאוו, וועלכער קומט פאר מיטוואך, דעם 16 מערץ 9 אוונד אין פייערלעשער-זאל, ווילען מיר פשוט נישט איבערחזר'ן די אלע לויבען, וואס דער קינסטלער קאמען האט פערדינט, שוין דערפאר, ווייל עס וואלט פאר אזא ארטיסט פון דער מדרגה און הויכען ניווא געווען צו באנאל. און מיר ווילען אויך נישט אריינפאלען אין קעלבערנע התפעלות, דעריבער ווילען מיר דא נאר איבערגעבען וואס עס שרייבט צווישען אלע גרעסטע טעאטער-קריטיקער י. פערלע אין „מאמענט":

„ווייסט איהם די גוטע יאהר, פון וואנען עס נעמט זיך צו איהם אזא שלל פון טאלענט. יוסף קאמען איז איינער פון די געצעהלטע, וואס זיין ווארט, זשעסט, בעוועגונג זענען נישט געפעלשט. ער איז פון יענע אקטיארען, וואס קודם כל האבען זיי בעציהונגען צום דיכטער און צו זיין ווארט. אפילו די ליידיגע ווערטער, וואס טייל „דיכטער" טראגען איהם אונטער, בעקומען ביי יוסף קאמען א תיקון. יוסף קאמען איז דורך און דורך אקטיאר. ער איז דער מייסטער פון .דער סאלידער, וואגיגער פראזע, וואס שלאגט נישט אויף אויסערליכע עפעקטען, נאר גראבט אין דער טיעף".

בילעטען שוין צו בעקומען אין דרוקריי פון ה' באטשאן, אלעע 6.

נדבות אין רעדאקציע.

דאס פערסאנאל פון דער באנק ספולדזיעלטשי, אלעע 7 שפענדעט

אנשטאט בלומען אויפ'ן קבר פון דער פערשטארבענער פרוי לעאנארא פרענקענבערג נ"ע 10 זל. פאר'ן שפיטאל.

טשענסטאכאוו איז גרעסער פון קאטאוויץ

די לעצטע סטאטיסטישע ציפערען בעשטעטיגען די שוין פיעל מאל ארויסגעזאגטע השערות, אז די שטאדט טשענסטאכאוו איז גרעסער פון קאטאוויץ.

לויט די סטאטיסטישע ציפער'ען פון קאטאוויצער מאגיסטראט, האט די צאהל בעפעלקערונג דעם 31 טען יאנואר ה. י. דארט דערגרייכט ביז 133.151 איינוואוינער. אין פערגלייך צו פאראיאהרען האט די צאהל איינוואוינער זיך פערגרעסערט מיט 1.324 פערזאן. ווען עס האנדעלט זיך וועגען א פערגלייך מיט אונזער שטאדט, האט טשענסטאכאוו דעם 1 יאנואר ה. י. געצעהלט 136.006 איינוואוינער, ד. ה. מיט 2855 מעהר פון קאטאוויץ. דערביי דארף גענומען ווערען אין אכט, וואס די קאטאוויצער ציפער איז צונויפגעשטעלט געווארען מיט א חודש שפעטער, צוליב וואס ס'איז מעגליך, אז דער אונטערשיד איז א פיעל גינסטיגער לטובת טשענסטאכאוו, א גרעסערער אונטערשיד לאזט זיך נאך מערקען ביי דעם וואוקס פון דער בעפעלקערונג אין משך פון לעצטען יאהר, וועלכער האט אין טשענסטאכאוו בעטראפען 2.761 פערזאן, ד. ה. מיט 1437 מעהר פון קאטאוויץ. אויב די בעפעלקערונגס-צאהל וועט שטייגען אינ'ם זעלבען טעמפא וועט אין אנ'ערך צוואנציג יאהר טשענסטאכאוו האבען א בעפעלקערונג פון 200.000 איינוואוינער.

צערעס

כשר

כשר'ע, שפּאָרעוודיגע פעטס-
אונפערטרעטבאַר פאַר אלע שפּייזען

צערעס דער אידעאַלער קאקאָס-פעטס ווערט אויסגעאַרבייט אונטער דער שטרענגער השגחה פון הרב ר' שמחה פרענקעל פון סקאַווינא
און קען עספּפעהלט ווערן אפילו למהדרין מן המהדרין. עכט בלויז אין אָריגינאַל פּאַקונג צו ½, ¼, ⅛ קג. אהן פּאַקונג קיינמאָל נישט עכט.

יוסף קאַמעני

דער גרעסטער קינסטלער פון דער היינטיגער צייט אין אַ גאַנץ נייעם פּראָגראַם

מיטוואָך 16 מערץ 9 אָוונט איז פּייערלעשער

בילעטען שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באָטשאַן.

Zarząd Miejski w Częstochowie (Dyrekcja Wodociągów i Kanalizacji) niniejszym podaje do wiadomości, że został ogłoszony przetarg na budowę wodociągów i kanałów w roku 1938 na terenie m. Częstochowy. Bliższe szczegóły poda DYREKCJA WODOCIĄGÓW i KANALIZACJI, ul. Katedralna 2.

Zarząd Miejski w Częstochowie.

Częstochowa, dnia 7 marca 1938 r.

די פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

האָט פאַר דער בעקוועהמליכקייט פון דער קליענטעלע

געעפענט אַ פיליע

אין דער 2-טער אַלעע № 16 (הויז פון ה' אימיך)

מענער-קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ צום פּרייז **10 גר.**

ביז'ן 15 מערץ ד. י. ווערט ביי 8 קראַגענס אַלס רעקלאַמע געוואַשען

2 אומזיסט.

די „אַרבייט" ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַן אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע שולע אין וואַרשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

Service des Instituts de Beauté „RAVIS" Paris Varsovie zawiadamia, że CELINA SANDLER, b. wieloletni prof. de Université de Beaute w Paryżu będzie udzielać zupełnie bezpłatnie porad kosmetycznych w dn. 15 i 16 bm. w Częstochowie w Hotelu „Polonia" w g. 10-2 i 4-7 w. Karty wstępu wydają wszystkie drogerie i perfumerie

מעהל כשר לפסח

מיט אַ הכשר פון הרב טרונק, קוטנאָ און פון היגען ראַבינאַט

פון דער בעקאַנטער יודישער מיהל

I. L. Szlajfersztajn i Blumensztajn

צו קאָנקורענץ-פּרייזען

צו בעקומען אין מעהל-סקלאַד פון

א. אייזנער, אַלעע 3.

מעהל כשר לפסח

מיט אַ הכשר פון הרב טווערסקי, קאָוועל און פון היגען ראַבינאַט

פון דער בעקאַנטער יודישער מיהל

B. Armarnik, Kowel

צו קאָנקורענץ-פּרייזען

צו בעקומען אין מעהל-סקלאַר פון

מ. רוסאַק, קאַטעדראַלנע 8.

אינטערווענץ ביי דער אויפזיכטס-מאַכט אין שייכות מיט דער גאָטעסדיענסט לכבוד דעם ערמאָרדעטען גלח

ווי בעוואוסט איז אין וואַרשע היינטיגע וואָך איינגעאָרדענט געוואָרען אַ גאָטעסדיענסט אין שייכות מיט דער ערמאָרדונג פון גלח שטרייך אין לובאָן, וואָס איז געפאַלען פון אַ פּאָלאַק'ס האַנד, און באַלד נאָך דער דאָזיגער גאָטעסדיענסט האָבען די „נאַרא"-לייט זיך געלאָזט אַ הוליע טהון איבער יודישע קעפּ און פערמעגענס.

היות ווי אויך אין אונזער שטאָדט קומען פאַר אַזעלכע גאָטעסדיענסטען היינט, פרייטאָג און מאָרגען שבת 9 אַ זייגער אין דערפריה, האָט דער פּרעזעס פון קהלה-ראַט אַדוו. מ. קאָנאַרסקי צוזאַמען מיט'ן פּרעזעס פון יודישען קאָמבאַטאַנטען פעראיין דר. י. שלייכער אינטערווענירט ביי דער אויפזיכטס-מאַכט, וועלכע האָט פערזיכערט, אַז ס'וועט פולשטענדיג אָבגעהיטען ווערען די רוה אין אונזער שטאָדט.

האָט איהר אַ פּאַטעפאָן?

קאָנט איהר אייך אויסלערנען העברעיש. 15 פּליטען, 30 לעקציעס צוזאַמען מיט'ן ביכעל אין יודישער און פּוילישער איבערזעצונג מיט אַ צוגאָב פון טאַנגאָס מיט העברעאישען טעקסט נאָר איין קאָמפּלעט געלעגענהייטליך צו פערקויפען אַנשטאָט 60 נאָר 35 זל.

וכל הקודם זכה. ערקונדיגען:

M. Olsztein, Warszawa, Dzielna 25.

DO WYNAJĘCIA pokój umeblowany z oddzielnem wejściem, z wygodami, słoneczny. Śląska 24, m. 7.

טרעט אַריין אין דער געזעלשאַפט „פריינט פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט" אין טשענסטאָכאָוו.

חאַיעוואָדע גראַזשינסקי קומט קיין טשענסטאָכאָוו

אין צוזאַמענהאַנג מיט די סקויטען-פייערליכקייטען אין טשענסטאָכאָוו, וואָס וועלען פאָרקומען דעם 21 און 22 מאַי, וועלען אָבפאָהרען קיין קראָקאָוויע איינצולאַדען אויף די דאָזיגע פייערליכקייטען דעם שלעזישען וואַיעוואָדע דר. מיכאַל גראַזשינסקי, דער פּרעזעס פון טשענסטאָכאָווער קרייז אינספּ. אַרמאַגאַטשיק און קאַפּיטאַן אָסטאַשעווסקי.

שטאָדט-ראַט פאָרקומען אַ זיצונג פון בירגערליכען קאָמיטעט, אויף וועלכער ס'וועט בעשטימט ווערען דער פּראָגראַם פון דער פייערליכקייט פון 19 מערץ לכבוד דעם אָנדענק פון מאַרשאַל פּילסודסקי.

100.000 קאַטוילישע יוגענד קומט אין ווזשעשען קיין טשענסטאָכאָוו

דער סעקרעטאַריאַט פון פערבאַנד פון דער קאַטוילישער יוגענד האָט מודיע געווען די שטאָדט פערוואַלטונג, אַז אין די טעג פון 17 און 18 ווזשעשען קומט פאַר אין טשענסטאָכאָוו אַ צוזאַמענפליה פון די מיטגלידער פון די קאַטוילישע פעראיינען אין גאַנץ פּוילען, אויף וועלכען ס'וועלען זיך צונויפקומען 100.000 פּערזאָן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דער קאַטוילישער פערבאַנד זיך געוואָנדען צום מאַגיסטראַט וועגען איינאָרדנען אויף דער צייט פון צוזאַמענפליה די נעהעריגע סאַניטאַרע איינריכטונגען, ווי אויך פערזיכערן די פּילגרימער וואוינונג און איבערהויפּט דערפיהרען די שטאָדט און קלויסטער-פּלאַץ צום געהעריגען אויסזעהן.

טשענסטאָכאָוו — אינ'ם נאָמענסטאָג פון מאַרשאַל פּילסודסקי

דער 19 מערץ איז ביים לעבען פון מאַרשאַל פּילסודסקי געפייערט געוואָרען אַלס נאָמענסטאָג פון גרויסען פאָלקס-פיהרער. און כאָטש דער מאַרשאַל לעבט שוין נישט, טראָגט אָבער די דאַטע פון זיין געבורטס-טאָג ווייטער דעם יום-טוב'דיגען כאַראַקטער און דער טאָג ווערט געווידמעט דעם אָנדענק פון פערשטאָרבענעם.

מאָנטאַג אין אָוונט וועט אין

פון ספּאָרט

דער באָקס-מעטש שלאָנסק—טשענסטאָכאָוו

זונטאַג, דעם 6 ד.ח. איז אין לאָקאַל פון „בריגאַדאַ" פאָרגעקומען דער באָקס-מעטש צווישען דער טשענסטאָכאָווער רעפּרעזענטאַנץ מיט דער שלאָנסקער. דער מעטש, וועלכער האָט געזאָלט זיין די אַטראַקציע פון היי-יעהריגען באָקס-סעזאָן, איז אויסגעפאַלען זעהר בלאַס און בכלל געשטאַנען אויף אַ נידריגען ניוואָ.

אין אַלגעמיין איז דער רעזולטאַט פון מעטש 11:5 לטובת שלאָנסק.

רינג ריכטער וואָלסקי — גוט.

(ע. י.)

פון י. ט. ס. פ. „מכבי"

זונטאַג, דעם 13 ד.ח. פאָהרט אָב די באָקס-סעקציע פון „מכבי" קיין סאָסנאָוויץ, וואו זיי וועלען זיך טרעפען מיט'ן דאָרטיגען „נורדיה" אין רעוואַנזש-באָקס קאַמף.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אָרדענט איין דער היגער „מכבי" אַן אויספלוג קיין סאָסנאָוויץ. דער פּרייז אין ביידע זייטען בעטרעפט 4.50 זל. איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען אין סעקרעטאַריאַט פון „מכבי".

„סלאָוויאַ" רודאַ אין טשענסטאָכאָוו

אַ גרויסע פעראינטערעסירונג האָט ביי אונז אין שטאָדט ארויסגערופען דאָס קומען קיין טשענסטאָכאָוו פון איינעם פון די שטאַרקסטע באָקס-קלובען אין שלאָנסק „סלאָוויאַ", וועלכע וועלען זיך דאָ טרעפען אין אַ באָקס-מעטש מיט'ן היגען „מכבי" דעם 20 ד. ח.

DOM NOWOŚCI, ALEJA 18

M. KRAUZE

איז **איבערגעטראָגען געוואָרען** אויף **נייער מאַרק 1**

מיר עמפּפעהלען זיך דער ג. קליענטעלע מיט אַ גרויסען אויסוואַהל פון די

מאָדערנסטע, וואָלענע, זיידענע שטאָפען, קאָלדרעס (פּוכענע, וואַטענע)**, פערטיגע גאַרדינען** און **גאַרדינען-שטאָפען.**

אויך בעזיצען מיר אַ גרויסען אויסוואַהל פון

אויסלענדישע און אינלענדישע ווייסוואַרען

אויך **אויסשטייער** און אַלערליי **מאַנופאַקטור-סחורות**

פון די בעסטע ביז די ביליגסטע שטאָפען

אַלץ צו מעסיגע פּרייזען.

KINO „EDEN".

נייער גרויסער פילם שלאָגער!

די פענאָמענאַלע שוועדישע שעהנהייט!

Zarah Leander

אינ'ם מיטרייסענדען פילם

PARAMATTA

(דאָס פרויען-גיהנום)

שבת און זונטאַג מיטאַג סעאַנסען

ICH STU i ONA JEDNA

Kino „LUNA"

ענטוזיאַסטיש אויפגענומען

אויף דער פּרעמיערע!!

עפּאָכע-מאַכענדער רעוואָלוציע-פילם!

TOWARZYSZE BRONI

(La Grande Illusion)

אונגעוועהנליכע טעמפּאָ!

אַן'אונבעקאַנט לעבען!

אין די הויפּט-ראָלען:

Dita Parlo,
Jean Gabin,
ERYK von STROHEIM
Pierre Fresnay

Czy to możliwe?...

Za stary odbiornik można otrzymać NOWOCZESNY SUPER LUKSUSOWY

Informacji udziela:

Biuro Sprzedaży

WORLD - RADIO

N. M. Panny 24, w podwórzu

tel. 25-75.

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

היינט, פרייטאָג צום לעצטען מאָל

WŁADCA

מיט **עמיל יאַנינגס.**

פון שבת דער העררליכער פילם

Dzieci ulicy

מיט פרעד באַרטאָלאָמעו.

Zapalić ogień ..

odmierzyć kawę, zemleć kawę, odmierzyć domieszkę, a przy tym dokładnie uważać, ażeby dawka nie była za duża, lub za mała i nie narazić się na wyrzuty małżonka, który ceni sobie zawsze jednakowo dobry smak kawy. Tak to wyglądały dawniej przygotowania do przyrządzenia kawy, a działo się to właśnie rano, kiedy każda minuta najbardziej jest cenna. Jakże ułatwione są te wszystkie czynności dzisiaj Enrilo, które jest gotową mieszanką zagotowuje się przez trzy minuty na świeżej zimnej wodzie i już mamy gotową świetną, zdrową kawę, która ponadto jest b. tania.

Red. B. Bocian. Wyd. B. Bocian i S-ka Druk 6